STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02731

BAN FUN MAYNE TEG

Mashe Shtuker-Payuk

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַשע שטוקער-פּאַיוק

באַן פון מייַנע טעג

אַ מתּנה,
פֿאַר מײַנע טײַערע גוטע פֿרײַנד
— די טאַלאַנטפֿולע אויסגעצייכנטע
פֿון אונדזער [illegible] ייִדיש
אויף [illegible] —
וועלן זײַן [illegible] [illegible]
מיט די האַרציקסטע ברכות!
און דאַנקשאַפֿט!
אײַערע:
מאַשע שטוקער-פּאַיוק

3/2.1985 [illegible]

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון

ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישׂראל
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות
בנק לאומי לישׂראל בע״מ, תל־אביב

מאַשע שטוקער־פאַיוק

באַן פון מיינע טעג

ה. לייוויק־פאַרלאַג
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

תל־אביב תשמ"א 1981

MARTA STUKER PAIUK
Klonimus 7. Ap. 6. Tel-Aviv (6264)
Israel

TREN DE MIS DIAS

(Ban Fun Maine Teg)

אַלע רעכט געזיכערט
Copyright 1981

נדפס בישראל תשמ"א
Printed in Israel

דפוס משה חמיאל, תל־אביב

טל. 338443

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

לזכרו של

מיכאל גרייבר ז"ל

שהקדיש חייו לעם ולמדינת ישראל

גאָט איז...

גוט איז...

גוט איז יונג צו זײַן און מונטער,
אויפשטיין מיט אַ לויב צו גאָט,
פילן: ס'גיט די ערד זיך אונטער
פאַרן אַקער פונעם טראָט.

גוט איז יונג צו זײַן און הויבן
סקיבעס ערד מיט יעדן שפּאַן,
פילן אין זיך קראַפט און גלויבן:
ס'איז די זון ערשט אויפגעגאַן.

גוט איז יונג צו זײַן און וואַרפן
זאָמען־האָפענונג פאַר טריט,
מיט געזאַנג די חושים שאַרפן
פאַר דער ברכה־צײַט פון שניט.

גוט איז פלאַטערן און שפּרינגען
איבער טעג ווי בייטנצוויט;
גוט איז יונג צו זײַן און זינגען
הויך און פרײַ דאָס אייגן ליד!...

רײַס

רײַס די רגעס — רײַפֿע פּירות —
פֿון דײַן זומערבוים!
ס'רינט דער זאַפֿט אויס, אַן עבֿירה!
קוים פֿאַרזעסטו — קוים...

זעסט אַ פּירה צווישן בלעטער
אויף אַ צווײַג פֿאַרשטעקט —
רײַס! — און לייג נישט אָפּ אויף שפּעטער,
פֿרעג נישט, אויב מ'מעג.

ווינטער וועסטו ציילן קערלעך
פֿון דײַן זומערבוים.
רײַס! ווײַל די רגע בלויז איז הערלעך —
שפּעטער: שאָל און שוים...

קטוף

הפרי בשל, אַל תתרשל.
לעת אסיף חטוף וקטוף!
עסיס נוטף, נוזל, אוזל
חס אם יחלוף.

ראית פרי בין העלים
בעפאים נסתר —
קטוף! אין שואלים
אסור הוא אם מותר?

אם חורף — גרגרים תלקוט,
בשׂרוד אך קצף וקליפה,
אך זהוא רגע הפלאות
לקטוף מפרי־קיצך!

טאָג און נאַכט

צינענדיק זיך שעהען, שעהען,
שרפעדיק אויף אַלע וועגן,
האָט דער טאָג ביַי מערב בלויען
אויפן ראַנד די נאַכט באַגעגנט.

אויסגעטאָן זיַין פעלערינע,
פאַר די פיס זי אויסגעצויגן,
אַ צעפלאַמטער — ווי פון זינען —
קרוין פון קאָפּ אַראָפּגעבויגן...

האָט די נאַכט אַן אויג צעפינקלט
אויפגעלויכטן, זיך צעצונדן. —
האָט דער טאָג זיך באַלד פאַרטונקלט
אויסגעלאָשן זיך — פאַרשוווּנדן — — —

— — ציט זיך נאַכט דורך שעהען, שעהען,
צו דעם קרייץ פון אַלע וועגן,
זעט אַ טאָג אַ זוניק בלויעם
אין איר חלום — אים אַנטקעגן — — —

יוגנטשאַפֿט

ווייסט איר ס'אַראַ וויטאַמינען
נאָך אַנאַנד מיר נעמען איַין ?
יעדע רגעלע זיי רינען
גליַיך אין ביידנס בלוט אַריַין...

איך וואָלט זיי אַ נאָמען געבן :
— „איי, בי, סי, די" — לוסט לרוב :
וויטאַמינען פאַרן לעבן,
פונעם אלף־בית ביז תּ !

אַז עס איז אין זיי פאַראַנען
וואָס מיַין ליַיב און האַרץ באַגערט,
נישט נאָר אַלע „טויזנט טעמען"
נאָר מיליאָנען מאָל נאָך מער...

ניַי און אייביק ליבשאַפט־ליקער,
האָניק, וויַין און פרוכטנזאַפט ;
יעדער טראָפּן, און דער עיקר —
אין יעדן עלטער : יוגנטשאַפט...

לֶקֶט

אַלע הויכע פולע סטויגן
פון דײַן פעלד פאַרנומען
און איך בין צו דיר מיט הונגער
נאָכן שניט געקומען...

נאָך גערעטענישן גרויסע
רעשטעלעך פאַרבלײַבן;
גיי איך אויף דײַן פעלד און בייג זיך:
— כ'וויל דײַן לֶקֶט קלײַבן.

ווו אַ זאַנגעלע פאַראַנען
צווישן גרודעס, שפּאַלטן,
פון דעם שניטערס שאַרפער שופלע
פאַר מיר אויסבאַהאַלטן...

און אין יעדן זאַנג אַזוי פיל
זערנעלעך פאַראַנען:
— זוניק, זיניק, זאַפטיק, זעטיק
רײַפע זומער־טעמען...

אַז פון תענוג און מתיקות
איך מאַך צו די אויגן;
און עס אָרעמען אַרום מיך
— דײַנע פולע סטויגן...

געליבטע

אַ רויזנקוסט רעדט רויזנשפּראַך:
— זעט, געליבטע כ׳האָב אַ סך,
טאָג נאָך טאָג אַ זונענשטראַל
טוט צו מײַן בוקעט אַ פּאַל,
קושט מיר אויס אַיעדער בלאַט
און מיר ליבן זיך צו זאַט...

נאַכט, איך רו אין רויזנבעט,
טוט מיך ווייך און צאַרט אַ גלעט
אַ לבנה־שטראַל: „ש־שאַ, שטיל,
זײַן מיט דיר אַצינד איך וויל!" —
און ער אָרעמט מיך אַרום:
„אין מײַן גלי־געלעגער קום,
אין מײַן חלום־הוידע קום..."

פינקלען שטערן אָן אַ שיעור,
אַלע ווינקען זיי צו מיר:
„איך! איך! איך! ליב דיך! נעם מיך!
בליציקער איז מײַן! מײַן ליכט!" —
ליבן מיר זיך אָן אַ צאָל
כ׳ווייס נישט וויפל מיט אַ מאָל...

טוט אַ ווינטעלע אַ ווײ:
„וואַרט, איך קום, עס איז מײַן ריי!" —
און דער רויזנקוסט, פאַרשייַט,
אָפּן די געליבטע בייַט,
בלי־גענוס צעשענקט, צעשיט
און נאָך שענער זיך צעבליט...

כ׳וואָלט וועלן

כ׳וואָלט וועלן אַז בלוי זאָלן זײַן מײַנע אויגן,
ווי סאַזשלקעס דורכזיכטיק־קלאָר ביזן דעק.
אַז דורכזען דו זאָלסט, מיט דײַן ליבשאַפט פאַרצויגן:
פאַרפולט מיט דיר בין איך — אַריבער מײַן ברעג...

כ׳וואָלט וועלן אַז גרין זאָלן זײַן מײַנע אויגן,
ווי פעלדער אין פרילינג מיט זון־שעמעריר,
אַז וועסט איבער מײַנע בליבייטן זיך בויגן
דערשפּירן דו זאָלסט ווי מײַן צוויט גליט צו דיר!...

פֿון ים דער שניטער

אין אַ זונהוט רונד די ראַנדן,
גאָלדיק־לאַנגע דינע פֿראַנדזן,
ברייט צעכראַסטעט העמד זײַן בלויע —
שנײַדט דער שניטער ווײַסע תּבֿואה.

שפּרײַזט מיט ווילדער פרייד צעגליטער,
גאַנצע סנאָפּעס זאַנגען שיט ער:
— העי! איך בין פֿון ים דער שניטער,
ווײַט, אָנסופֿיק מײַנע גיטער.
וואָס מיר שטורעם און געוויטער —
איך בין האַר דאָ און געביטער!

און די גראַבליעס פֿון די ווינטן
הייבן, הורבען מײַנע בינטן
איבער מײַלן ווײַט צעפלויגן. —
ווײַסע בערג, איר מײַנע סטויגן,
נישט אײַך ברענען קען אַ פֿײַער,
נישט אײַך זאַמלען דאַרף אַ שײַער,
נישט פֿאַר אײַך קיין ווענט און דעכער —
שפּריצט און שפּיצט אַרויף אַלץ העכער,
זאָל דער ים מײַנער פֿון אונטן
הייבן זיך פֿון טיפֿסטע גרונטן
צו דעם ים פֿון זון און שטערן,
ים מיט ים — איין ים זאָל ווערן!

אַלטער בוים

דער בוים איז אַלט, די צוויטן — ניַי.
צום ערשטן מאָל, פון קנאָספּן פריַי,
מיט דופטעריַי זיך אויסגעפּיקט
אין בונטע בלימעלעך פון גליק.

דער בוים איז אַלט, קוים וואָס ער האַלט
דעם ווינטער אויס אין שיטערן וואַלד.
ביז צו דעם פרילינג־זמן דערציט —
און ווידער נס: פון ס׳ניַי צעבליט.

דער בוים איז אַלט, די ציַיט צעשפּאַלט,
די קאָרע שיילט זיך אָפּ, צעפאַלט.
נאָר איין צוויַיג אין בליקאָליר
מיט יונגע ביימלעך קאָנקורירט...

דער בוים איז אַלט, אָט אָט אָ באַלד
דער העקערוק — מיט שאַרפן קנאַל
וועט טאָן אים פון דער ערד אַ ריס:
— העי! הוק! פאַרנעמסט אַן אָרט אומזיסט!...

דער בוים איז אַלט, די זון באַזאַלבט
מיט גאָלדגענאָד זיַין גרוי געשטאַלט —
איז יעדער שטראַל נאָך אַ געווינס
פאַר זיַין לעצטן בינטל גרינס...

בלומען

בלומען־קעפּלעך קאָקעטירן
מיט פּריזורן און קאָלירן;
פֿאַרבן, פֿאָרמען אַלערליי,
הוידען אונטער זיך צו ביסלעך,
אויף די גרינע דינע פֿיסלעך
פֿון די פּלאַנצן טאַנצן זיי.

גלאַט פֿאַרקעמטע, גלײַכע שרונטן;
צעפּלעך, לעקלעך, אויבן, אונטן
הויבן קרײַזלעך זיך אַרום.
קליינע, גרויסע, שמאָלע, רונדע
און אַ יעטווידע באַזונדער
איז אַ וווּנדער, איז אַ בלום.

קוקט אַריבער די צו יענער:
— איך בין פֿולער, איך בין שענער
— איך בין ייִנגער מיט אַ שעה,
— איך אַ ווײַסע, — איך אַ געלע,
— איך בין יעדערן געפֿעלן,
— און ווי איך איז גאָר נישטאָ!

— איך בין שלאַנקער, — איך בין העכער,
— כ׳האָב ערשט אָנגעדופֿט מײַן בעכער,
— און איך ווער געבוירן הײַנט...
בלומען, בלומען: פֿײַער־רויטע,
ראָזע, ליליע, בלוי־פֿיאָלעטע
אַלע, אַלע שענער זײַנט!...

געוואַלט כ'האָב אַ בלום זײַן

געוואָלט כ'האָב אַ בלום זײַן, ווי זי פאַרביק בליִען,
געוואָלט זײַן אַ, פויגל און פרײַ אַרומפליִען,
געוואָלט זײַן אַ בוים — זיך מיט פּירות באַנײַען —
און מאַלע וואָס נאָך אַלץ — איך וויל נאָך עד־היום.

געוואָלט זײַן ווי זיי — און פון זיי נישט געלערנט:
צי וויל וועלכער בוים עפּעס אַנדערש גאָר ווערן?
דער עפּלבוים, באַרנבוים, — ס'פּאַלט נישט אײַן קיינעם
צו וועלן אויף זיך אַלע פּירות — אין איינעם.

עס וויינט נישט אַ גרעזל: „דער קוסט איז דאָך גרעסער!"
עס מיינט נישט אַ שפּערל: „אַן אָדלער איז בעסער!"
עס טראַכט נישט די בלום, זי וועט באַלד פאַרוועלקן.
בעל־חי און צומח „שמח בחלקו"...

נאָר איך אַליין בין אַזאַ בריאה־משונה...
די ערד פאַר מײַן וואָרצל כ'האָב נאָך נישט געפונען:
אַ בלייִקער פלייִקער פלאַנץ אָן אַ באָדן
— אויף געוועט — אַ ראַקעט אין די רוימען, בן־אָדם...

רציתי להיות כמו פרח

רציתי להיות כמו פרח, לפרוח,
רציתי להיות כצפור ולפרוח;
ואף כאילן שפריו הוא בשפע,
ועוד חלומות, אליהם עוד אשאפה.

אך לקח מהם לא קיבלתי עדיין:
תמורות מעין אלה בטבע עוד אַין.
ולא יעלה על דעתו של תפוח
לטעון על פריו עוד פירות מכל רוח.

לא יבך עוד העשב: „גבוה השיח!"
צפור לא תאמר לה: „כנשר ארקיע!"
הפרח חושב, כי יתם הניחוח? —
כל חי וצומח בחלקו אך שמח.

וכלום רק אני בריה מיוחדת,
שאין לשרשה עוד קרקע ומולדת?
כצמח פורח, אל על הוא מגיע,
וכטיל המרחף בחלל לרקיע.

מיידיש: נח פניאל

דאָס געבעט פֿון קלעטערפּלאַנץ

— בוים, מיט טיפֿן וואָרצלדיקן טראָט,
פֿאַרוועלק מיך נישט!
כ'בין אַ פּלאַנץ פֿון דײַן גענאָד,
מײַן הייבן זיך און פֿאַלן
איז אין דיר געווענדט,
אין דײַנע הענט —

פֿאַרוועלק מיך נישט!
נעם מיך מיט!
איך בין אַ קלעטערפּלאַנץ,
צעווינטל און צעפּלאַטער מיך אין טאַנץ
צום טאַקט פֿון דײַנע
אין דער לופֿט זיך הייבנדיקע טריט.
איך טוליע זיך אין דײַנע אָרעמס:
פֿולע פֿעסטע צווײַגן;
אָ, הער מײַנע בלעטער־רייד,
פֿאַרדבֿקהטע אין שווײַגן
ריזלען דורך מײַן דינסטן אָדערל געבעט:

— זײַ גוט צו מיר,
איך הענג אויף דיר
און איך וויקל זיך
אויף דײַן גאַנצער ברייט אַרום;

אָ זע, מײַנע בלומענאויגן,
וואָס עפענען זיך גאָטספּאָרכטיק־פרום
פון דאָס נײַ אויף אַ יעדן באַגינען,
און ליכטיק אויפגעשטראַלטע
פאַרבנגלאַנץ צעשפּילן
(אַ גאַנצע נאַכט, צוגעמאַכט),
בלינדערהייט כ׳גיב זיך איבער צו דײַן ווילן.

מיט צערטלגלעט
און שטום געבעט
צאַפּלט יעדעס בלעטעלע צו דיר:
— זײַ גוט צו מיר,
זײַ גוט צו מיר,
מיט ציטער־צוק, אַ בוק זיך טיף אַראָפּ
צום חסד פון דײַן הויך־געשטרעקטן קאָפּ:
— זײַ גוט צו מיר!

זין פון לעבן מײַנס איז דײַן באַריר,
מײַן אָנלען ביסטו מיר
און איך דיר — באַציר.
דײַן האַרט־ברוינע קאָרע כ׳באַקראַנץ מיט צויבער־חן;
מיט דיר הייב איך זיך און שטײַג
פון צווײַג צו צווײַג
און פאַל צו דער ערד,
אויף שטויב צעטראָטן כ׳ווער — אַליין...

כ׳פאַל צו און שנירל זיך אַרום דײַן שטײַפן לײַב
מיט ווייכע דינע פינגער;
אַ סטענגע גרינער זײַד,

איך צי און קלאַמער זיך
אַרויף אַלץ העכער, העכער
צווישן דיינע גלידער־שטאַנגען ;
פון ערשטן טראָט, פון שטאַם אָן
— אַרויף צו די שפּיצן פון דיין קרוין
בלי איך אין געזאַנג פון געזאַנגען :
פאַרפלעכטן זיך מיט דיר
אין איין וווּנדערבוים...

אַ פֿײַערבוים

ברענט אַ בוים פֿון כּמה יאָרן
— ניין, ער זעט ניט אויס אַ דאָרן —
נישט קיין סימן פֿון אַ שטעכער.
און ער וואַקסט אַלץ העכער, העכער,
זײַנע שפּיצן זעט מען קוים:
ס'איז אַ נײַער פֿײַערבוים.

ברענט דער שטאַם און ס'ברענען צווײַגן
און די צווײַגן — פֿלאַמען שטײַגן —
ברענען שטענגלעך: פֿײַער־פֿינגער
און דער פֿלאַם ווערט ייִנגער, גרינגער;
אין דעם מידבר פֿון דער וועלט
נאָר אויף וווּנדער אויסגעשטעלט.

ברענען שפּיציק רײַפֿע בלעטער;
שפּראָצן נײַע פֿײַער־קלעטערס.
ברענען קנאָספּן, פֿײַערצוויטן
אויפֿן מידבר זאַמד זיך שיטן
און אויך פֿון די וואָרצלען טיף
אין דער ערד — פֿײַער טריפֿט.

גייען, קומען קאַראַוואַנען
מיט די פולע קעמלען שפּאַנען
אויפן גלייַק הייסן באָדן,
און מיט אַל דאָס גוטס באַלאָדן,
צווישן הורבעס מיט געפּעק —
פירן וואַסער אויפן וועג.
נעמט מען באַלד זיך צו דער שׂריפה
און מען גיסט און גיסט אָן אויפהער...
נאָר אָנשטאָט דעם פלאַם דערשטיקן,
קוקט מען, גאַפט מען מיט אַנטציקונג:
— אָט דער בוים, ווי שיין ער איז!
ברענט פון דורשטיקייט, געוויס!...

פלאַמט דער בוים: — נישט דער, נישט יענער,
אָט דעם פלאַם פאַרלעשן קען נאָר
דער — ווער ס'האָט אים אָנגעצונדן.
נאָר דער צינדער איז פאַרשוווּנדן
מיט דער לעשונג אין זייַן האַנט:
אין זייַן — ניט־געבוירן־לאַנד...

בערג, ווי שלאָפנדיקע ריזן —
הייבן זיך אויף ביזן, ביזן —
שפּיץ פון בוים און נאָך אַריבער:
— אונדזער, אונדזער בוים דו ליבער! —
פלעכטן זיי אים הייס אַרום —
ברענסט און ברענסט, דו קומסט דאָך אום!

בלייַב דאָ צווישן אונדז אין מיטן
און דייַן פלאַקער מירן פאַרשיטן

און דײַן דורשט מיר װעלן שטילן;
לאָז דײַן פײַערקרוין פֿאַרהילן! —
און זיי טוען זיך אַ הויב
פֿליִען זײַלן: פײַערשטויב...

ברענגען װאָלקנס, װײַסע שיפֿן,
אַ גערוס פֿון שוימיקע טיפֿן:
ס'איז די בשׂורה, אַז פֿאַראַנען
איז װוּ ערגעץ, — װײַט פֿון דאַנען —
אַזאַ ברייטער װוּנדער־ים
װאָס טרינקט אָן דעם גרעסטן פֿלאַם.

נאָר אַ בוים, מעג זײַן דער גרעסטער,
פֿול מיט זינגענדיקע נעסטן,
פֿול מיט קנאָספּן — פֿײַעראויגן,
פֿײַער־פֿליגל ברייט צעצויגן,
קען ער קיין מאָל נישט — סײַ װי
װי אַ פֿויגל טאָן אַ פֿלי...

און די װײַסע שיפֿן װערן
פֿולער און דעם בוים באַשװערן:
— ס'איז דײַן רעטונג, ס'אַ דערקװיקונג!
ער אַליין האָט דאָך געשיקט אונדז!
און מיט דונער־בליץ אַ לאָז —
אויפֿן פֿײַערבוים אַ גאָס...

נאָר דער בוים שפּריצט זיך פונאַנדער,
לאַכט פון אַלצדינג מיט אַנאַנדער
— לאַכט ער? צי איז עס אַ וויינען?
— ווער ווייסט, וואָס די שפּריצן מיינען?
פייַער־טרערן? פייַערפרייד?
פייַער־לשון, ווער פאַרשטייט?

נאָר, ווער דאַרף עס גאָר באַקלערן?
אַלץ איינס, פון די שפּריצן ווערן
אויפן הימל פייַער־שטערן
און עס מערן זיך און מערן
פונקען ליכטיקע אין רוים:
פייַערשריפט פון פייַערבוים ———

דער זומער פֿאַרגאַנגען

דער זומער פֿאַרגאַנגען,
די פעלדער פֿאַרבליט.
נישטאָ מער קיין זאַנגען —
שוין לאַנג נאָכן שניט.

דאָס קאָרן געדראָשן,
צעמאָלן אויף מעל.
דער זומער פֿאַרלאָשן —
דער האַרבסט אויף דער שוועל.

רעגנס, זאַווייען,
דערווינטער איז דאָ.
„קראַ־קראַ!" הערט מען שרײַען
אין שנייען די קראָ.

איך קוק מיך פֿאַראומערט
דורך שויב און געדענק:
אַ מאָל איז אַ זומער
געווען... און איך בענק...

צו נאַכט...

— שוין! דער שוים איז שוין צעשוווּמען,
קלאָר און לויטער איז דער ווײַן.
קוקסט דורך גלעזער אויסגעשליפן,
שאָקלסט צו: אַזוי דאַרף זײַן...

שוין! עס שפּילן דײַנע טרויבן
מער זיך ניט אַרויף־אַראָפּ,
וואָס פון בלויזן ריח פלעגט זיך
דיר פאַרדרייען אַזש דער קאָפּ.

האָסט אַזוי פיל מינים שטראַלן
אײַנגעשלונגען פאַר דער צײַט,
שײַנט דײַן כּלי דורכגעזוניקט,
פינקלט דורך די שאָטנס ווײַט...

וויפל מאָל צעבריט די ליפּן
און געכאַפּט אַ הייסן נאַש.
איצטער בלאָזסטו יעדן הויך אָפּ,
קיל און קילער קילסט: מה רעש?!

זיסקייט, ביטערניש פון יערן
אָפּגעזעצט זיך אויפן דנאָ,
אָפּגעברויזט און אויסגעשפּריצט און —
שוין! קיין סך איז מער נישטאָ.

איכה

איכה

איכה. ווי זאָל איך מיך פרייען מיטן נצחון פון באַפרייַער,
אַז די רעשטן פון מייַן היים זענען אומגעקומען אין פייַער
און פון דער רחבות פון מייַן הויז בין פאַרבליבן וויסט
און אָרעם,
אַן אַלמנה וואָס בלאָנקעט איבער חורבות און קברים.
איכה.

ווי זאָל איך הייַנט אויפזינגען מיט פעלקער צו גלייַך
אַז זייער אויג איז צו מיר ווי אַ פאַרגליווערטער טייַך
וואָס זעט צו מייַן אומגליק, מייַן אונטערגאַנג־בראָך
און כוואַליעט זיך ווייַטער זייַן אייגענעם קאָך.
איכה.

ווי זאָל מייַן געמיט זיך אויפהייַטערן הייַנט
אַז עס האָבן מיך פאַרראַטן אַפילו מייַנע פרייַנד
ווען פאַרצויגן האָט דער תּלין אויפן האַלדז די תּליה
און אויף אייביק אייַנגעשניטן אין מייַן האַרץ די קריעה.
— — — — — — — — — — — — — —

— — עס יובלען שוין פעלקער דאָס גליק פון באַפרייַונג.
עס גרינען שוין פעלדער מיט שפּראָץ פון באַנייַונג
און איך, ווו זאָל איך נעמען שוועסטער און ברידער?
צי האַלדזן איך זאָל צעשטיקלטע גלידער,
צי קושן איך זאָל צעדריבלטע געדערעם,
צי טוליען צו מייַן ברוסט לויזע גופימלעך פון קברים,
וואָס זייער יונגיטשקע בלוט האָבן הענקערס אויסגעצאַפּט
און נאָך דעם ווי שמאַטעס אין גריבער פאַרפּאַקט?

צי טאַנצן מיט ביינער אויסגעזויפטע פונעם גיפטיקסטן שפּין,
צעקרישלטע, פאַרשלײַדערטע, אָ, ווער ווייסט וווּהין?
איכה.

ווי קען איך זיך אויפּפרישן מיט באַפרוכפּערונגס־ברכה,
אַז זיצן כ׳דאַרף שיבעה נאָך מײַן גאַנצער משפּחה;
און זאָל איך פאַר יעדן איין טרער נאָר אויסוויינען,
וועלן מײַנע אויגן אַלץ פאַרשרפענדיק אויסברענען;
און זאָל איך פאַר יעדן איין קרעכץ אַרויסאויען
וועט מיר דאָס לענגסטע לעבן נישט סטאַיען!
איכה.

פרייד און געלעכטער האָט זײַנע קוואַלן פאַרשטאָפּט
און ווי אַ בלוטשטורץ האָט אַ יִיאוש זיך אין מיר
אויפגעפּראָפּט
און קריעה־אבילות צערײַסט זעל און לײַב.
פון מיר, אויסגעריסענער אָבר, געדעכעניש־איבערבלײַב,
צופעליק פאַרוואָרפענער איבערן בלוטיקן ים,
פון מיר — אָפּגעשניטן צווײַגל, שוין אָן וואָרצלדיקן שטאָם.
איכה.

וויי וויי! אַזוי פיל צווײַגן אָפּגעהאַקט, אַלע שפּיצן פון
מײַן בוים.
מײַנע ליבסטע אײַנגעשלונגען האָט דער תּהום.
וויי! וויי!
אַז איך, וואָס אָט געוועזן בין אַ קליין שפּראָצלקינד,
דאַרף שוין זאָגן קדיש איצט נאָך מײַן הויזגעזינד.
און נישט אויסקוקן וועט מער ס׳אויג אַ בריוו פון דאָרט...
נישט צאַפּלען זיך וועט ס׳האַרץ פאַר פרייד פון יעדן
אויפגעשריבן וואָרט

און נישט וואַרעמען וועט מער טיף פאַרבאָרגענער ברען
ליכטיק גלייִענדיקע האָפענונג: פון אַ מאָל זיך ווידער זען.
איכה.

און ס'עסט מיך אימהדיקע שרעק, אַלץ טיפער
אַרײַנזעגנדיקע זעג:
ווי וועל איך אויסטראָגן אויף פלייצעס פון מײַנע
צעבראָכענע טעג
אַזוי פיל מיליאָנען טויטן אויף איין בינטל צוגעטיילטע
יאָר?...
און עס וועט גרויל זיך אַזוי דורכריזלען פון דור צו דור...
און לאַנג נאָך דעם, ווען אויסגעלײַטערט מילד וועט
בלויען טאָג,
וועט אַלץ אין מאַמעמילך און וויגליד דורכשוימען
אונדזער קלאָג:
איכה?

1945

פון יענער זייַט

פון יענער זייַט אָפּגרונט — סוף פון אַלע וועגן —
ציט זיך צו מיר אַ פֿאַרהוילענע בריק,
שוועבסטו אַרויס פון פֿאַרשאָטענע ברעגן
מיט קפיצת־הדרך צו מיר צוריק.

שמייכלט צו מיר אויף דייַן פּנים אַקעגן,
דייַן ליכטיק צעבלויטער פֿאַרהימלטער בליק,
ווי בעת מיר האָבן זיך דעמאָלט באַגעגנט
אין ערשטן זונאויפגאַנג פון אונדזער גליק.

און בייַ אונדזער אָנהייב איך בין מיט דיר ווידער
און רגע נאָך רגע — אַלץ חזרט זיך איבער,
מייַן זיסטער געפליסטער — געמישט מיט געוויין —
ריזלט צו דיר אַלע ראַנדן אַריבער;
מיטן הייסטן עקסטאַז פון מייַן ליבשאַפט־פיבער;
נאָר זאָג מיר נישט — ניין! אַז איך רייד צו זיך אַליין...

אונדזער היים־בוים

געווען אונדזער היים איז — אַ בוים פול מיט נעסטן
און ס'האָבן די פייגל כסדר געטרילט
די זעלטענע שירה פון משורר דעם גרעסטן:
דעם שׂר־אהבה אין זיו השכינה געהילט.

פון גאָט ברוך־הוא אַ געבענטשטער אָרקעסטער
האָט האַרמאָניש אין אונדזערע הערצער געשפילט;
אַזאַ ברכה־בוים — נישט אויסצומעסטן
די אָן אַ צאָל צווייַגן מיט ליד אויסגעפילט.

איז ווער איז דער אַכזר וואָס לויפט נאָך און לויערט
פון ענדלאָזן חלל — נאָכן סופיקן טויער —
מיט אַ פאַרפינצטערט געחתמעטן פסק?
אויף אונדזער היימבוים געצילט צו לאַנגדויער
צעזונגען, צעזוניקט אין ליבשאַפטלופט בלויער —
— וויי־וויי, אַזוי האַסטיק אַ הייב אויף די האַק...

אונדזער בלי

דו ביסט אַוועקגעגאַנגען
און געבליבן איז מיר
קעגן איבער מײַן טיר
אַ בוים
מיט אונדזערע בלייִקע בליקן באַהאָנגען —

און געוואָרן איז ער ייִנגער,
און יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה
גלעט ער מיך מיט זײַנע פינגער:
— דאָ! דאָ! ער איז דאָ!

און אַז ס'וועט אים אַ האַרבסטווינט אַ בייזער באַפאַלן
און אַז זען כ'וועל אים נאַקעט אַ ווינטער אַ קאַלטן,
וועל איך וויסן אַז דער בוים
האָט אונטער זײַן גרוי
אונדזער בלי —
פאַרן נײַעם פרילינג באַהאַלטן ——

אויף מײַן ירושה־װעג

כ'דאַװן נישט װי טאַטע־מאַמע,
קינדער מײַנע, — אַזאַ שאָד!
זײערע תּפילות, ראש־השנה,
הער איך, װוּ איך טו אַ טראָט —

פלעגט מען דאָס — מײַן טאַטע טאַקע —
ערב יום־טוב, יעדער מאָל,
סאַראַ טענער סאַ' געשמאַקע
לאָזן הערן אױף אַ קול.

יעדעס װאָרט און זילב באַזונדער
אױסגעגלעט אַזױ געטרײַ,
און מיר האָבן מיטגעזונגען
און באַגלײט דעם „אײַ־אײַ־אײַ..."

און נישט מיר בלױז, די משפּחה, —
װער אַרײַן אין שטוב ס'איז נאָר,
סײַ אַ קרוב צי אַ שכן,
אַ משורר װערט צום כאָר...

און מײַן טאַטנס תּפילה־ניגון
פלעגט אַ שפּאַר טאָן איבער װענט,
אַזױ גרינג אַרױפגעשטיגן —
דעם װעג צום הימל שױן געקענט...

פירט זשע אויכעט מייַנע שורות
אויפן זעלבן וועג — מייַן קול;
פליט! און אַלע גוטע בשורות
זאָלן קומען על ישׂראל!

בענקשאַפט

מיין ברוכן, צו דער 18טער יאָרצייט

אַכצן יאָר שוין!? — יאָ, לויטן לוח פון שטיין!
שטיי איך און קוק, און קען נישט פאַרשטיין —

ווי שווער האָבן רגעס פון צער זיך געצויגן —
ווי אַזוי זענען שעהען אין יאָרן פאַרפלויגן?!

און פריש איז דער טרויער — ווי ערשט אָפּגעשניטן.
מיר שטייען מיט דיר, דײַן רוישטיין אין מיטן —
אונטער זײַן משׂא דער הימל געבויגן.
עס שווינדלט דײַן שטיינשריפט און שנײַדט אין די אויגן.
און וואָס איז נאָך מער ווי מצבה־ממשות?...
עס שנײַדט און עס קלעמט מיך אַדורך ביז חלשות

דער סופיקער יש — דער אָ לעצטער סך־הכּל
אַז ס׳טוט זיך דער שטאַרקסטער יסוד אַ צוואַקל...

ביז אַלע רמ״ח אין מיר זענען מורד: ניין! ניין!
און איך גלייב נישט אַפילו מײַן ביטער באַוויין...

אַ סימן:

מײַן מויל מורמלט קיין מאָל נישט „עליו־השלום״,
ווײַל דו ביסט נאָך ליכטיק אַזוי אין מײַן חלום,

אויף בענקשאַפט און גלוסטן, אין האַרץ אויפגעהיטע —
האָבן די צוימען פון צײַט נישט קיין שליטה...

אַ מינוט שווײַגן

אַ מינוט שווײַגן...
אַ מינוט אויסטאָן זיך פון אָנגעוואַקסענעם אַרום,
איין מינוט זיך מתדבק זײַן מיט זיך אַליין.
צום אייגענעם געביין זיך מתוודה זײַן פרום,
אַ יזכּור־תּפילה נאָך אונדזערע קדושים
אויסדאַוונען שטום.

איין מינוט,
איין שווינדלדיקע רגע, ווען העלזעעוודיק ווערט בליק,
דאָס האַרץ — אַ פלאַמענדיקע פײַל,
וואָס שפּאַלט ימים און יבשות,
און דערזען וואָס אונדז איז געשען.
וואָס אונדז איז געשען!

איין מינוט, איין מינוט!
און עס פלייצן שטראָמען בלוט און עס בליצן אויף געשטאַלטן
איינס נאָך איינס, נאָכאַנאַנד,
ליבסטע, ליבסטע אָן אַ צאָל,
אָן אַ צאָל.

איין מינוט.
וואָס איז איין מינוט אין דײַן אייביקייט, גאָט!
אַ מינוט, קוים אַן איינס צו באַשאַפן
און — אַ וועלט חרוב צו מאַכן...
— — — — — — — — — — — — — —

אַ מינוט,
נישט קיין חלום־קאָשמאַר איז עס,
מײַן דור, ס'איז וואָר,
וואָר פון אונדזער פאַרגאָסן בלוט,
וואָס לעבט אויף
אין שווײַגנדיקער יזכור־תּפילה...

1945

מאַמע!

מיין מאַמע טייבע אָגוז ז״ל

מאַמע: — כאָטש דו ביסט אַוועק פון מיר
מרחקים וויַיט,
שוין וויפל יאָרן צענדליקער
דו רוסט אין אייביקייט,
פאַרוואָקסן שוין דער קריעה־ריס
פון סופיקן באַשייד. —
דאָך טו איך נאָך אַ ברויז אַרויס
אין אָטעם פון מיַין פרייד:
— מאַ־מע!!!
גליַיך ווי דו וואָלסט נאָך געשטאַנען
אַ צעשמייכלטע דערנעבן,
ווען עס גיט אַ שטראָם אַרויס
דער אימפּעט פון מיַין לעבן,
און מיט דיַין מאַמע־דורשטיק
טיפן ברונעמבליק
גרייט אָנצושעפּן נחת־שוים
פון דיַין קינדס געגאַרטן גליק...
און אַלע מאָל, ווען אומגעריכט
איך כאַפּ אַ פלעם, אַ פליק,
פאַרהאַקט כ׳בליַיב צווישן שטאָקן
אין אַ ווינדעשטיַיג פאַרשטיקט,
און ביַי מיַין יעדן ליַיבריס
ווונד און וויי אין מיַין געדיי
טוט זיך אַ ריס אַרויס צו דיר
מיַין הילך־ און הילף־געשריי:

— מאַ־מע !!!
גלייַך ווי דו, מיט דייַנע דאַרע
אויסגעהאָרעוועטע הענט,
מיט דייַן גבורה פון געטרייַשאַפט —
דו וואָלסט נאָך אַלץ געקענט
מיך אייַנטוליען אין דיר —
און מייַן געבריל האָסט אייַנגעשטילט;
און דעם חלל פון מייַן חלום
— מיט דייַן ליבשאַפט אויסגעפילט...

— — — — — — — — — — — — — —

— מ אַ !
פון זינט דער ערשטער זילב
זינגט אויף דאָס ערשטע מאָל:
— מ אַ ! — כּפלען זיך די מאַמע־קלאַנגען —
אויפגעשפילט אין קינדער־קול
וויברירט די מאַמע־גאַמע
און עס ווידערט דאָס געזאַנג
איבער אַלע טעג און נעכט
אויך נאָך איר לעצטן גאַנג!
לאַנג־לאַנג!
— מאַ־מע — מ אַ !...

אמא!

אף כי רחקת ממני עשׂרות שנים,
כאילו אַת שרויה בנצח עדנים,
וכבר נעלם מאז אף קרע הקריעה —
הרי אשמיע עוד בשׂיא גילי קריאה:
אמא!

כאילו אַת עומדת עוד עם חיוכך
בהתפרץ זרמי חיים מלב בתך,
ובמבטך האמהי צופה בזרום
לך אושר מדליה הזך בבוא היום.

מדי תנחת עלי מכּת־גורל פתאום,
כאילו השליכוני אז לבור איום,
ובהיקרע נפשי ודם פצעי נוטף
אליך שוב שלוחה אזי זעקת הלב:
אמא!

כאילו בידיך אַת, ידי עמל,
יכולת לחבוש בגבורתך פצעי־גורל,
להרגיעני בחיקך מדאָבה,
חלום־חיי הריק מלא באהבה.

— מא !
מאָז השמעתי את הקול הזה פתאום
והוכפלו בפי צלילי־אמא יום־יום,
אָרוג ניגון־אמא באֶרג ניגוני,
יומם וליל הומה עד אחרון ימי :
אמא, — מא !

מיידיש : נח פניאל

עלנט

טײַך, וואָס האָסט דײַנע כוואַליעס געפּירט,
מיט בלוילעכע סטענגעס דאָס שטעטל באַצירט,
דו ביסט פון די ברעגעס געשפּרונגען,
אין שטורעם פון אומקום מײַנע ליבסטע פאַרשלונגען...

— עלנט בין איך אויך געווען —
יאָמערט דער טײַך און פאַרגייט אין געוויין —
האַרץ מײַנס, וויל מיך פאַרשטיין,
עלנט געווען כ׳בין בײַם מערדער אַליין.

וואַלד צעגרינטער, אין שאָטנס געהילט,
האָסט טרוימען פון בענקשאַפט געוועבט און געשטילט.
האָסט געשטרעקט דײַנע צווײַגן און שטאַמען
פאַר אונדזערע קדושים אויף תּליות און פלאַמען...

— עלנט בין איך אויך געווען —
יאָמערט דער וואַלד און פאַרגייט אין געוויין, —
האַרץ מײַנס, וויל מיך פאַרשטיין,
עלנט געווען כ׳בין בײַם מערדער אַליין.

ערד געבענטשטע מיט מאַמעס גענאָד,
מיט אומרו באַפּרוכפּערט האָט דיך אונדזער טראָט.
האָסט געלאָזן דער רישעות דער בלינדער
באַגראָבן אין דיר אונדזער האָפ׳נונג — די קינדער...

— עלנט בין איך אויך געוועז, —
יאָמערט די ערד און פֿאַרגייט אין געוויין, —
האַרץ מײַנס, ווײל מיך פֿאַרשטיין...
עלנט געוועז כ'בין בײַם מערדער אַליין.

1945

בית־יהודי־פולין

— אַ בוך נאָך אַ בוך, לייען דורך אַלע בלעטער!
און וויפל עס זאָל דיר, מײַן קינד, נישט דערציילן
דער זיידע, די באָבע, אַ מומע אַ פעטער
צי ווּעסטו דאָ דערזען אונדזער ייִדישן פּוילן?

אין אָרעמשאַפט, דאָך אַזוי רײַך אין גאָלדקוואַלן!
אַ ברייטער צעשטראָם איבער געסלעך שמאָלע
אין שטיבלעך ענגע — עשירות־אידעאַלן,
וואָס האָבן געשטאַרקט אונדז אין פּײַנפולן גלות.

געבליט האָט דאָרט ייִדישקייט בונטער, געדיכטער,
אין גרויסע שטעט און אויך אין שטעטלעך ברעקלעך.
פון פלערליי לענדער די שענסטע געשיכטע
פונאַנדערגעשפּינט און — דער סוף — אַזוי שרעקלעך!...

און דאָ אין דעם הויז האָסט דעם תּמצית־סך־הכּל
פון אונדזערע אוצרות — אין פײַער פאַרשווּנדן.
פון ס'נײַ גלי צונויף פון די פונקען אַ פאַקל
און האַלט עס אויף הויך — אין התלהבות צעצונדן!

אונדזער נעכטיקן פלאַם פיר צום מאָרגן אַריבער,
זאָל פאַר דײַנע קינדער נישט בלײַבן פאַרהוילן
דער נר־תּמיד פון דורות אין אונדזערע שטיבער,
תּוך־אָנהאַלט און אינהאַלט פון ייִדישן פּוילן!

1950

אין מײַן שיבעה

אין מײַן שיבעה אַלע קומען
שעפּן פון מײַן טרויער־ברונעם,
שעפּן און מיר מאַכן לײַכטער.
ווערן מײַנע אויגן פײַכטער
און מײַן ברונעם העכער, פולער.

אָן אַ בליץ און אָן אַ דונער —
טרויער פּלייצט פון די אַרומען,
אַלע שעפּן פון מײַן ברונעם
און איך קאָן צו זיך ניט קומען —
אָנגעשעפּטע פולע כּלים
מיט מײַן טרויער זיך צו טיילן.

זיך צו טיילן און צו טרינקען
און איך האַלט אין זינקען, זינקען
אין מײַן טיפן טרויער־ברונעם.
מיט דער טיף אַרומגענומען
ביזן האַלדז שוין באַלד —
ס'העלפט מיר ניט מײַן שרײַען:
גוואַלד!

אַלמנה־טריט

מיין ברוכן ז״ל

— איבער מײַן סופיט
— מײַן שכנהס פּאָל —
טעסען אירע טריט,
טריט, טריט אָן אַ צאָל.

קען אַ מענטש אַליין,
אַליין — גאָט באַהיט! —
אַזוי פיל גיין, גיין?
אויסהאַקן טריט, טריט?

אַ מאָל, גאָר אַ מאָל,
— אָט ערשט, דאָ ניט לאַנג —
פלעגט קײַקלען איר קול
בשותּפות־געזאַנג

בעת ס׳האָבן אירע הענט
דעם טיש געגרייט פאַר צוויי
און אויפן טישטעך־בלענד
דערלאַנגט אַ גלאָז טיי.

פונעם נעסט, אויסגעבעט
מיט משפּחה־געמיט,
אין נאַכט אַרײַן שפּעט
פלעגט טרילערן איר ליד.

איצט שוויַיגן זיי
אירע פענצטער — פאַרשטומט.
מיט איר ווונד־און־וויי
גיך, גיך זי גייט אַרום.

טאַטע־מאַמע

מיינע עלטערן בנימין און טייבע שטוקער ז״ל

כ׳האָב קיין יאָרצײַט־ליכט נאָך אײַך ניט אָנגעצונדן,
ניט דערמאָנט מײַנע שוואַרצע צווי מעת־לעתן;
דערמאָנען דאַרף מען נאָר דאָס, וואָס איז פאַרשוונדן,
און דער — וואָס האָט פאַרגעסן...

יאָרצײַט־ליכט, אײַך ווידער אין מיר אויפצוּוועקן?
אײַער אָנדענק, די פּאָר געציילטע טעג פון יאָר כ׳זאָל
שענקען?
אַז איר אַליין זענט מײַנע תּמיד־ליכט, וואָס שטעקן
טיף אין מײַן לעבנס־לײַכטער, פון ערשטער רגעלע
געדענקען...

און וואָס אַ יאָר שטאָט טונקעלער — ליכטיקער זיי ווערן
און העלן־אויף פאַר מיר ווײַט פאַרהוילענע שטחים;
ווי פון אַ נײַער תּורה אײַערע געבאָטן איך לערן
און עס פלעמלט איבער מיר טאַטע־מאַמישע ברכה.

אויף מײַן נעפּלדיקן וועג לײַכט איר, ליכטיקע געשטאַלטן.
און מײַנע וואַקלדיקע טריט פון אַל דאָס בייז פאַרהיט עס.
איך טרינק דעם פרישן גלויבן פון אײַער לאָגל דעם אַלטן
און עס שפּראָצט אין מיר אויף אײַער בטחון מיט אַלע
גוטע מידות.

ווערט אײַערע מײַן יעדע נײַ־געבוירנדיקע רגע
און מײַנער אײַער ספר, דורך און דורך פאַר מיר שוין אָפן:
איצט גייען מיר באַנאַנד אויף אַלט־מישפּחהדיקע וועגן:
טאַטע־מאַמע מיט טאַטע־מאַמע, ביזן סוף פון אַלע סופן...

אין אַ שוואַרצער ראַם

דערזע איך אין צײַטונג אַ רעמל אַ שוואַרצן
מיט נעמען פון פרײַנד, אין טרויער געהילט,
און איבער די שורות פון צער און טרייסטונג
גייט אויף דאָס געשטאַלט פון אַ לעבעדיק בילד.

דערזע איך פון ס'נײַ דעם גלאַנץ פון די אויגן,
דאָס פנים וואָס שמייכלט: „ניין, גלייב זיי ניט, — ניין!
דאָס האָט מען אַ בילבול אויף מיר אויסגעטראַכט,
אַ שפּאַס אפשר? זעסט דאָך, כ'בין נאָך אַזוי שיין!

און טרוימען פאַרמאָג איך אויף יאָרן און יאָרן,
איך טראַכט נאָך אַפילו פון סוף ניט. און סתּם
אָט מאַלע וואָס, ווען, עס איז אײַנגעפאַלן
צו דרוקן מײַן נאָמען אין אַ שוואַרצער ראַם?"

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרקלעמט מיר נאָך שטאַרקער בײַם האַרצן די סתּירה:
אויף עפּר־יסוד אונדזער טורעם געבויט!
דערזע איך אין אָפּענעם טויער פון לעבן
לאַכט אַרײַן שוואַרצן געלעכטער: דער טויט.

במסגרת שחורה

עת אראה בעתון תוך שחור המסגרת
את שמו של ידיד בעצבות ובדוי,
אז מבין השורות של תנחום ושל צער
שוב עולה כמו חיה דמותו לפני.

ואראה עוד הפעם את ברק העינים,
הפנים המחייכים: „אַל תאמין להם עוד!
העלילו עלי עלילה מצערת
או חמדו אף לצון? הן יפיתי מאד!

ולי יש חלומות לימים עוד בשפע,
ואפילו הרהור על הסוף לא אזכור.
לא אבין מה עלה בדעת מי ומדוע
להדפיס את שמי במסגרת השחור״.

— — — — — — — — — — — —

מציקה ללבי הסתירה המכאבת:
מגדלנו בנוי — יסודו מעפר!
ובמבוא־החיים הפתוח המוות
כבר צוחק את צחוקו השחור והמר.

מיידיש: נח פניאל

מײַן היים

ישׂראל מײַן היים

כ'וועל צופאַלן צו דיר
און אויסקושן אַיעדן שפּאַן ערד
וואָס מיר איז באַטרעטן באַשערט.

איך קער זיך אום צו דיר אַצינד,
אַ היימדורשטיק קינד,
פון אַ חוץ־לארץ־וועלטשפּאַציר,
וואָס פינקלט מיט פאַרפירערישן בלענד ;
און ביַים ערשטן באַריר —
גיסט אָפּ מיט אַ שעפל קאַלטפרעמד...

ניין ! איך פלאַנץ זיך נישט אַריַין
אין דער שענסטער לענדעריַי
אין קיין איינער !
איך בײַט נישט איבער יענע גרינסטע בערג
אויף דיַינע בערג מיט זאַמד און שטיינער.

דײַן זאַמד ווערט ווידער באַפרוכפּערט,
דיַינע שטיינער באַוואַלדיקט
און אויף וואָסער וועג איך פאָר פאַרבײַ
דערשפּיר איך, ווי יעדער שפּראָץ איז מייַנס,
יעדער צווייַגל פאָכעט צו מיר : „כ'בין דייַנס ! דייַנס !...
עס בליט צו מיר דיַין יעטווידער גאָרטן.

ווי פֿאַרמידברט איך פֿיל זיך אין אַלע דאָרטנס ;
צווישן מענטשן מיליאָנען
וואָס ווירבלען און שטראָמען
פֿיל איך זיך עלנט, איינזאַם — אַליין :
— ישׂראל — מײַן היים !

ברוכה־הבאה!

איבער וואָלקנס ווייַס ווי שנייען
גליטשט זיך אונדזער עראָפּלאַן,
אויף דעם פאַרכּישופטן פאַנטאַסטיש
פלא־פּוכיקן דיוואַן.

ביַי די זיַיטן ריזן־אָרעמס,
— פליגל גליַיכע, ברייט צעשפּרייט,
דורכן פענצטערל, עס דוכט זיך:
— דער אַוויאָן, פאַרשטאַרט ער שטייט...

אויבן בלויט און אונטן בליאַסקעט
און מיר זיצן אין דער מיט;
צו זיַין ציל, גיגאַנטן־אָדלער,
מיט אַ שווינדל־שנעלקייט פליט...

זון אויף זילבערוועלט פון בלענדונג,
טוען שטראַלן אַ פאַרבליף:
— „מזל־טוב! ביסט אָנגעקומען!"
— „ברוכה־הבאה! אין תּל־אביב!"

אַ שבת אין ישׂראל

גלאַטיק־גרין אַ פרישער טעפּעך
אויף די הויפן אויסגעשפּרייט.
און בציבור בליִען בלומען
מיט אַ פאַרביק־פולער פרייד.

לכּבוד שבת האָט דער הימל
זיך צעהעלט מיט הייליק בלוי,
און די לופט איז לויטער ליבשאַפט,
יעדן גליד עס גלעט אַזוי.

נאָר דער שׂונא פון ישׂראל
האָט דעם שירה־טאָג פאַרשטערט:
אַלע זין און מענער זענען
אויפן פראָנט מיטן געווער...

קוקן ווײַבעלעך און מאַמעס
מיט אַ בליק — וואָס אַלץ דערזאָגט —
צו דער רויטער זון אין מעריב
אויפן ראַנד פון בענקשאַפט־טאָג...

פלי־גערויש פון קריג־אַוויאָנען
רײַסן אויף אין האַרץ אַ שראַם;
פליִען נאָך זיי אַלע תּפילות:
— קום גאַנץ אַהיים! מײַן זון! מײַן מאַן!!

אַשקלון, אָקטאָבער 1973

חלום-זמירה

שבת־יום־טובדיקע שעהען,
פֿאַר דער וואָכנטיר בלײַבט שטיין!
איך באַשווער אײַך איר זאָלט דאָען
און מער קיין מאָל נישט פֿאַרגיין!

ווי בײַ פּרצן ר׳ שלמה,
שבת־שײַן אין מײַן געמיט,
שטיי איך שטײַף — אַ שירה־שומר
פֿון אַ שבת־יום־טוב־ליד.

ווין איך אין אַ חסד־חדר
פֿאַרן דרויסן, ווי פֿון שטאָל,
און עס זינגט אין מיר כּסדר
זאַפּטיק־זיסער זמירה־קול.

וונדערוואָר און חצי־חלום
ציטערט צווישן טאָג און נאַכט,
נישט פֿאַרמוֹכרן איך זאָל אים —
האַלט איך אויגן צוגעמאַכט.

דאָס געהער און אַלע חושים
פֿאַרן גאַסגערויש פֿאַרהיט,
יעדע שורה אויסצוקושן
כ׳צערטל דיך, מײַן ליבלינגליד.

זאָל דאָס וואָכעדיק האַרמידער
אין מײַן מוח נישט אַרײַן ;
אין מײַן האַרץ, אין אַלע גלידער
שבת, יום־טוב — חלום זאָל זײַן !

יום־כיפור

אין גאָלד־בלויען קיטל דער הימל געהילט.
עס שייַנען די גאַסן, די הייַזער פאַרשטילט.
עס טוט נישט קיין אויטאָ, קיין פורל אַ פאָר,
אַ קייַקל אַ ראָד, צי אַ רויש אַ מאָטאָר.
די שטראַליקע שטילקייט פאַרשווענכן ? חלילה ! —
יום־כיפור אין הייליקער שטאָט פון תפילה.

ס'איז יעדע משפחה מתפלל אין שול,
זענען די שולן מיט הייליקייט פול !
עס שפּאַרן זיך תפילות פון פענצטער אַרויס,
עס רינגלען געזאַנגען אַרום יעדער הויז.
און תפילה מיט תפילה זיך פלעכטן צונויף
צום בורא־של־עולם זיי שטייַגן אַרויף.

די ביימער, די בלומען זיי הערן פאַרטיפט.
עס טוט נישט קיין בלעטל, קיין שטענגל אַ שטיף.
די פייגעלעך דאַווענען אויך אַזוי שיין,
טרי־לי און ציף־ציף ! און אַ צוויטשען : אָמן.
פאַרהאַלטן דעם אָטעם האָבן וואָלקנס אַפילו —
דער ווינט צווישן בערג און די טאָלן טוט תפילה...

עס ציט זיך דער תענית און תפילה־טאָג לאַנג,
מחילה־געבעט מיט געוויין און געזאַנג —
ביז אַ בלאָז טוט דער שופר אין הארצן אַרייַן :
תקיעה ! די חתימה די גוטע פאַר אַלע זאָל זייַן !
און אַלע אין איינעם, צוריק צו דער וואָר :
גוט־יום־טוב ! גוט־יום־טוב ! זאָל זייַן אַ גוט יאָר !

הערצל

(פאַר הדסה האַלפּערין צום איבערזעצן
ד"ר הערצלס דערציילונגען)

יום־טוב איז ביי מיינע ספרים,
אַ התלהבות נעמט זיי דורך
און זיי רוקן זיך פונאַנדער
פאַרן גאַסט, דעם נייעם בוך.

יעדער וויל אים פאַר זיין שכן
— קום לעם מיר! אַהער! אָט דאָ! —
רופן אַלע אים און גריסן:
— ברוך־הבאָ! ברוך־הבאָ!

און די מאַמע־יידיש גלעט אים:
— אַזאַ שׂימחה אין מיין הויז,
כ'זע דיך איצט מיט מיינע אויגן,
זון מיינער, ווי דו ביסט גרויס!!

וויפל טויערן פון לעבן
אויפגעעפנט האָט דיין האַנט!
וויפל נעפלדיקע שטחים
מיט דיין ליכט האָסט דורכגעשפּאַנט!

צו דעם טיפסטן גרונט פון אמת
האָט דורכגעבליצט דיין שאַרפע פען;
הינטער כּלערליי לבושים
יעדן יחיד האָסט דערזען.

האַרץ־ און מוח־לאַבירינטן
קלאָר באַלויכטן האָט דײַן בליק
פון אַ גרויסן תּלמיד־חכם
ביז אַ פּיצל קינד אין וויג.

פון אַ קעניג אויף זײַן טראָנשטול,
פון דעם העכסטן טרעפּ פון גליק
ביז אַראָפּ, אין לעצטן שטאָט־טייל,
צו דעם מענטש פון אונטערן בריק...

האָסט געזען די מאַכט פון גורל
און זײַנע נע־ונדע טריט;
אַלע ווונדיקע זיגזאַגן
וואָס צעקריצן דאָס געמיט...

מאַמע־ציטער, פרייד און פּחד
און דערזען האָסטו נאָך מער:
אַלע קינדערישע ליידן
— אויף אַ העפטל — אין איין טרער.

וויפל פּײַן און עגמת־נפש
זאַפּט אַרײַן אין זיך ס׳פּאַפּיר
פון די קינדערס ערשטע זײַטלעך
ביז דעם לעצטן פעדער־פּיר...

גלאַנצן מאַמע־ייִדישס אויגן:
— אַזאַ כבוד פון אַ קינד!
פון די שורות שייַנט איר פנים:
— פול איז איצט מייַן הויזגעזינד!!

און מייַן הייסטע ברכה קומען
זאָל אויף די געטרייַע הענט,
וואָס האָבן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט
אויסגעלייזט דיך פון דער פרעמד!...

דער ישׂראל־ייִד

גלייַך דעם רוקן און דעם קאָפּ,
נישט געבויגן אויף אַראָפּ,
מיט אמונה אין געמיט,
גאולה־גלויבן, פאָלקספאַרמעג —
פלאַסטערט אונדזער אייביקוועג
דער ישׂראל־ייִד.

יאָגט אַ שטורעם שוואַרץ און שרעקט,
דוכט זיך שוין: די זון פאַרדעקט,
לעצטן שלום־שטראַל פאַרשיט:
— יהיה טוב! עס וועט זייַן גוט! —
קלאַפּט אין פלייצע מיט מער מוט,
מונטערט דער ישׂראל־ייִד.

נייַע פרייַע פרוי און מאַן,
יעדער שפּאַן איז מיט אַ פּלאַן,
פון יאָרטויזנטער געניט:
אין עמוד־האש פאָרויס
ציט און גליט און שמידט זיך אויס:
— סבלנות! ישׂראל־ייִד.

זײַ מײַן שבת!

זײַ מײַן שבת, זײַ מײַן יום־טוב,
זײַ מײַן זוניקער טאָג אין וואָך
און געדולדיק וועל איך טראָגן
אויף מײַן פּלייצע שווערן יאָך.

שווערן יאָך פון טעג פון גרויע,
רינגען פון אַ תּפיסה־קייט,
קייטלענדיק צו דיר זיך ציִען,
ווערן אויפגעלייזט אין פרייד.

מיט פרייד באַנײַט, מיט קרעפטן נײַע
כ׳וועל זיך אײַנשפּאַנען אין יאָך;
איינס נאָך איינס די רינגען שווערע
שלעפּן ביז אַ פולע וואָך.

פולע וואָך באַנײַט זיך ווידער
אין דער רגע וואָס מע רוט:
זײַ מײַן שבת, זײַ מײַן יום־טוב,
זײַ מײַן ליכטיקע מינוט!

גוט־שבת, ירושלים!

גוט־שבת, ירושלים!
גוט־שבת דיר, גאָט,
אין לבושים נײַע
אַ טראָט נאָך אַ טראָט

טאַטע־מאַמע געלאַסן
און קינדערלעך פיל,
מ׳גייט איבער גאַסן
אין איינעם אין שיל.

די לופט איז אין גאַנצן
פאַרשבתט אַזוי,
אַפילו די פלאַנצן
— צום הימל העל־בלוי

זיי דאַווענען אַלע
אויף יעדן קאָליר,
עס שפּילן־אויס שטראַלן
אַ שבת־שיר.

גוט־שבת, ירושלים,
אין תפילה און בלי.
דו ביסט מיך מחיה,
ירושלים שלי.

גוט־יום־טוב

אַ גוט־יום־טוב! אַ גוט־פרילינג!
אַזאַ פאַרביק פולער צווילינג:
יום־טוב — פּסח, פריד און פרייַ
מיט אַ צוויטן־בליִעריַי.

גערטנער, סעדער בייַ די וועגן
פריידיק יום־טובן אַנטקעגן;
ווו אַ קוסט, אַ בוים, אַ בייט
גרינט און שפּינט אַרויס בלי־פרייד.

בלויט די לופט אין שלווה־חלום,
אָנגעזאַפּט מיט דופט און שלום;
הלוואי זאָל דאָס געמיט
זייַן אַזוי בייַ יעדן ייִד!...

לאָמיר זינגען „על הנסים"
מיט אַ פּסחדיק געוויסן
און דאָס ביטערניש פאַרזיסן,
— ס'בליט אַ נייַער פרילינג־זמן.
— אַ גוט־יום־טוב דיר מייַן לאַנד!

קעניגין פֿון לידערלאַנד

געווידמעט עטעלע קאָוועַנסקי
און לייב קאַגאַן

דײַן דערשײַנונג אַ שאַרמאַנטע,
מאַיעסטעטיש עלעגאַנטע
אויף דער בינע אויבן אָן,
ווי אַ מלכּה אויפֿן טראָן.

צאַרט און שיין, מיט חן דײַן פּנים,
דײַן גוט האַרץ און דײַן נשמה,
שמייכל פֿון דײַן יעדן שטריך
אין דײַנע אויגן שפּיגלען זיך...

נאָך און נאָך פֿאַרערערס פֿאַנגען
דײַנע האַרציקע געזאַנגען
אין דײַן צויבערנעץ — טאַלאַנט:
קעניגין פֿון לידערלאַנד.

פֿלייט און פֿידל, פּיאַנאָ־טענער
און פֿון כּלערליי כּלי־זמר
קלאַנגאַקאָרדן אָן אַ צאָל
אין דײַן גאָט־געבענטשטן קול.

— ס׳קען דײַן שטים אַזוי אַ נעם טאָן
פֿון „פּיאַניסימאָ צו קרעשטשענדאָ״
באַלד אין תּפֿילהדיק געבעט,
אַ געפֿליסטער — זיסטער גלעט.

די אָקטאַוועס, דונערן־בליצן,
קאַמף פאַר יושר, שטורעם שפּריצן
און יסורים ווינד און ווײ
אין דעם דינסטן טאָן־פאַרגײ...

ליַיכט, קאָקעטיש זיך צעשפּילן
פּישופדיקע תּענוג־טרילן,
פלאַטערט פליגלדיק אַזוי
נ׳בליקאָליר אַ פּרילינג־פרוי...

גליקבאַגער פון ליבשאַפט־פלאַמען
אַ געָנוס אויף אַלע גאַמען:
פרייד און אומעט, בענקשאַפט־באַנג —
לעבן־סטרונעס דיַין געזאַנג.

דיַינע לידער־שורות קלאָרע,
ווו אַ וואָרט ווערט נישט פאַרלאָרן,
נישט דער מינדסטער זילב, צו מאָל,
אין דיַין פּישופדיקן קול...

פאַטאָס־ און עמאָציע־לידער
באַגלייטן ריטמיש דיַינע גלידער;
הענט־ און פינגער־זינגעריַי
מתיקות פון „כּל־עצמותי״.

איז אַ װוּנדער װאָס פּאָעטן
בעטן זיך: „אָ מלכּה עטל,
אין דײַן קול מיר װילן זײַן
אין דײַן קעניגרײַך אַרײַן!"

און לײב קאָגאַן (קאָמפּאָזיטאָר),
יעדן שיר אַ תּיקון גיט ער,
פֿון קלאַװישן — פֿינגערשװעב —
װערן װערטער אױפֿגעלעבט.

אין זײַן װירטואָזן שפּילן
װערן װאָר די טרױמערצילן
און איעדערן פֿאַרגאַפּט
אײַער בײדנס שיר־באַשאַף.

— בראַװאָ! ביס! ביס! — שטאַרקער ברױזן
ענטוזיאַסטישע אַפּלױזן,
בענטשט מען: אײַער שפּילגעזאַנג
זאָל באַצױבערן אונדז לאַנג,
לאַנג־לאַנג.

אַ פֿרוי־געזאַנג

אַט דאָס ווּנדער פֿון יאָרהונדערט
אָנצוקוקן איז כּדאַי!
יעדע פֿרוי — אַ נס באַזונדער
פֿון מאָדערנער שיינערײַ.

שוין אין די פֿרימאָרגנס פֿריִע,
ווּ אַ שיינהייטהויז פֿאַראַן,
זעט מען, ווי אַהין זיך ציִען
מיט אַן אײַלנדיקן שפּאַן —

פֿרויען: מיידלעך, מאַמעס, באָבעס,
דיקע, דאַרע, גרויס און קליין,
אַלע גלײַך איין חשק האָבן:
— אַלע ווילן ווערן שיין!

אויסזען שענער, שלאַנקער, יִנגער,
און עס אַרבעטן דערבײַ:
ספּעציאַליסטן, פֿלינקע פֿינגער
פֿונעם פֿאַך פֿון שיינערײַ...

מאַניקיורן און פֿריזורן
האָרקאָלירן איבערבײַט —
און זיי מעקן אָפּ די שפּורן
פֿון דער מכשפֿה־צײַט...

שטויבן די שטיחים

אין פרימאָרגן, אומעטום
אויף די גאַסן פון אַרום
פון כּמעט איעדן הויז
הערט מען אַזאַ קלאַפּעריַי:
פון די שטיחים שטויבעריַי
טרייסלט מען אַרויס.

טיק און טאַק! טאַק און טיק!
מיט אַ קלאַפּער הין און קריק.
אויף באַלקאָנען אין דער הויך
קלאַפּט מען, אַז עס גייט אַ רויך.

קלאַפּן טאַטעס, קלאַפּן מאַמעס,
סיַי באַזונדער און צוזאַמען,
זיידע־באָבען העלפּט אַ קינד,
קלאַפּט אַ פעטער מיט אַ מומען,
די „עוזרת" איז געקומען —
נעמט זי קלאַפּן גיך־געשווינד.

טיק און טאַק! טאַק און טיק!
מיט אַ קלאַפּער הין און קריק.
אויף באַלקאָנען אין דער הויך
קלאַפּט מען אַז עס גייט אַ רויך.

פליִען גאַנצע זיַילן שטויבן,
אין אַ קאַראַהאָד זיך הויבן,
פּלוצעם: פּליאַך! אַ כליאָפּ אַראָפּ —

פאַלן אויף די פענצטער, שטאָרן,
פון אַן אָפּ׳נעם אונטער־גאָרן
און אויף דעם וואָס שטעלט זיך אָפּ...

טיק און טאַק! טאַק און טיק!
מיט אַ קלאַפּער הין און קריק.
אויף באַלקאָנען אין דער הויך
קלאַפּט מען אַז עס גייט אַ רויך.

— גברת גיך, פאַרמאַכט די שויבן!
רופט אַראָפּ אַ קול פון אויבן,
גאָר געטריי אַ שכנהס שטים —
גיך! די גאַלעריי פאַרמאַכן!
נעמט אַוועק די ווייַסע זאַכן!
ווייַל מיר קלאַפּן די שטיחים.

טיק און טאַק! טאַק און טיק!
ס׳איז אַ נייַע קלאַפּמוזיק
וווּ מ׳שטייט און וווּ מ׳גייט
איבער גאַסן אויסגעשפּרייט.

קרעכצן טעפּעכער: — אָך און אָך
אַלע ווייַלע נאָך און נאָך
קליפּ און קלאַפּ! קליפּ און קלאַפּ!
טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך
אַזאַ יאָך! אוי ס׳אַזאַ בראָך!
אַך! אַזוי פיל קלעפּ איך כאַפּ.

קלאַפּט דער קלאַפּער: — ס'איז כּדאי
לאָזן זיך, אַבי דערבײַ
ווערטו ווידער ווערן ריין,
דו זאָלסט הערן ווי מ'זאָגט
פון דאָס נײַ איעדן טאָג:
— אַך, איז דער שטיח שיין!

„אַלטע זאַכע!“

דאָ, אין תּל־אביבער צפון
דורך באַלקאָנען (פענצטער אָפן)
קײַקלט זיך אַ מאָנער־קול:
— „אַלטע זאַכע!“ אַלטע זאַכן
וואָס מ׳קאָן שוין גאָרנישט מאַכן
קויף איך! תּיכּף און באַצאָל!

צווישן בלומען־ביימער־גאַסן
פאָרט ער זיך אַזוי געלאַסן
מיט זײַן פערדל אין געשפּאַן,
זיצט זיך אויפן ראַנד פון וואָגן
און זײַן קול קלינגט איבער ראָגן:
— איך קויף אַלץ וואָס איז פאַראַן!

— „אַלטע זאַכע“, בענקלעך, בעטן,
קליידער, פאָרהאַנגען, טאַפּעטן:
אַלץ וואָס ס׳וואַלגערט זיך אַרום.
איך וועל אײַך דערפון באַפרײַען,
איר זאָלט קאָנען קויפן נײַע
און הנאה האָבן דערפון!...

— אַלצדינג, וואָס איר וועט באַדאַרפן
אויפן מיסט באַלד אַרויסוואַרפן,
אחת־שתּים קויף איך אָפּ! —
און דערבײַ, אין מיטן פאָרן
קוקט ער צו אַ יעדן גאָרן,
הייבט זײַן קאָפּ, אַרויף, אַראָפּ.

— „אַלטע זאַכע!״ — און דער קויפער
פּאָרשט, אויף יעדער זײַט, אָן אויפהער,
דרייט ער זיך אַהין, אַהער,
אויג און אויער וואַכער ווערן,
יעדע רגע גרייט צו הערן:
— טאָמער טוט אַ רוף אים ווער.

בלײַבט ער שטיין אין מיטן פאָרן,
און גאָר נישט לויט זײַנע יאָרן
פון דער פור אַ שפרונג אַראָפּ,
האַסטיקער ער לאָזט זיך לויפן
איבער פריש צעגרינטע הויפן
צו אַ צווייטן, דריטן שטאָק...

שטייט דאָס פערד אַ צוגעשפּאַרטער
צו דעם טראָטואַר, שטיל וואַרט ער,
טוט זיך נישט אַ ריר פון אָרט,
כאָטש בײַם זײַט אויטאָמאָבילן,
רייצן זיך מיט אים זיי ווילן:
מיט אַ הילכערײַ מ׳פאָרט.

ווי טײַוולאָנים, טרו טור־טור־עו,
לאָזן אים אַ ווײַל נישט רוען,
פליִען דורך מיט אַזאַ כעס,
ווי צו דורסן אים גרייטע:
— כאַפּסט אַ דרימל? פערדל שוטה!
שטייסט און שטערסט אין מיטן גאַס!...

נאָר דאָס פערד, אין צוים פאַרמאַכטער,
שטייט און וואַרט, אַוודאי טראַכט ער:
,,ווּעמען איז נאָך אַזוי גוט?
גיט מיר אַזאַ גוטן קעסט ער!
ס'איז מײַן בעל־הבית דער בעסטער!
איך ווייס, וואָס ס'הייסט: סבלנות!...״

— ,,אַלטע זאַכע!״ — אָט אָ גייט ער
צו זײַן וואָגן, אַ דערפרייטער
שלעפּט ער טעפּעכער פון פּליוש
און די אויגן זײַנע גליִען:
— כ'האָב געכאַפּט אַזאַ מציאה!
אָפּגעקויפט עס אָן איין גרוש!...

— סוסל מײַנס, ווי מען דערקענט נאָר
אָט דעם נומער אויסגעברענטן
אויף מײַן אָרעם שוואַרצן־פלעק —
ווערן זיי מיר שוועסטער, ברידער
און אַלץ היימישער און ליבער
שענקען אַלץ אומזיסט אַוועק...

,,אַלטע זאַכע״! — ווידער שרײַט ער
און זיי פאָרן ווײַטער, ווײַטער,
ביז סע ווערט דער וואָגן פול
מיט מלבושים, מעבל שטיקלעך,
צוגעבונדענע מיט שטריקלעך,
אַ קינדער־וועגל און אַ שטול...

איינס אין אַנדערן, עס שטעקן
פון די זײַטן אַרויס עקן —
— ווו ? און ווי, צו לייגן נאָך ? —
וויל ער מער שוין נישט אַ פּרווו טאָן,
מיטן בײַטשל אין דער לופטן
צו זײַן פערדל טוט אַ פּאָך.

— היי מײַן מותק ! און אַצינדער
לויף צום אַלטוואַרג־שוק געשווינדער !
נאָך דעם : היידאַ, טוויאָ, אַהיים !
וועל איך הײַנט פאַרדינען „לירעס"
פּאָר, פּאָר ! פּאָרזיכטיק דערפיר עס —
אַ געזונט אין דײַן געביין !

יום העצמאות

אַ הימען צו מדינת־ישראל

עס פלאַטערט און שײַנט אונדזער ווײַס־בלויע פאָן,
זי גיט אונדז דעם הייליקן שטאָלץ און דעם מוט:
דער יום־טוב! דער יום־טוב! דער יום־טוב קומט אָן
דער יום־טוב פון יום־העצמאות!

יום־העצמאות! יום העצמאות!
דער חלום פון דורות געוואָרן איז וואָר!
מיט אַרבעט, געזאַנג
און אין מונטערן גאַנג
גייט איצט פאָרויס אונדזער דור!

מיר טראָגן אין האַרצן די העלדישע זין
וואָס האָבן מיט גבורה דורך פײַער און בלוט
דאָס וווּנדער, דאָס וווּנדער פאַר אונדז אויסגעשמידט,
דעם יום־טוב, דעם יום־העצמאות!

יום־העצמאות! יום העצמאות!
דער חלום פון דורות געוואָרן איז וואָר!
מיט אַרבעט, געזאַנג
און אין מונטערן גאַנג
גייט איצט פאָרויס אונדזער דור!

איצט בויען מיר אויס אונדזער היים נאָכאַנאַנד,
אַלץ פעסטער און גיכער — אַ ווײַל נישט גערוט,
אַז פײַערן זאָל מען אין אייגענעם לאַנד
אויף אייביק דעם יום־העצמאות!

יום העצמאות ! יום העצמאות !
דער חלום פון דורות געוואָרן איז וואָר !
מיט אַרבעט, געזאַנג
און אין מונטערן גאַנג
גייט איצט פאַרויס אונדזער דור !

יום העצמאות

מעל לראשנו דגלנו לנס
מבהיק זה הסמל של קוממיות
באון ובאומץ הנס מתנוסס,
חגנו הוא חג העצמאות.

יום העצמאות, יום העצמאות!
אשרנו, אשרנו, הגענו עד הלום,
בשיר ועמל נעלה עוד אל על
על כל ישראל שלום!

את זכר בנינו נשמורה לעד
מסרו את נפשם לגאולה ולפדות
ציון נבנתה לבנין עדי עד
חגנו הוא חג העצמאות.

יום העצמאות, יום העצמאות!...

ואנו ביד אמונים נבצר
חומת המולדת להוד ולחרות
לעולמי עולמים הבשורה נבשר
חגנו הוא חג העצמאות!

יום העצמאות, יום העצמאות!...

עברית: זלמן הירשפעלד

יום העצמאות

מוזיק : לעאָן ווײַנער



באַן פֿון מײַנע טעג

באַן פֿון מײַנע טעג

העי, באַן פֿון מײַנע טעג:
— וואָס פֿליסטו אַזוי שנעל?
שטיי! פֿאַרלאַנגזאַמער דײַן וועג!
דער פֿרילינגטאָג איז אַזוי יונג
און צאַרט און העל.

דו פֿליסט פֿאַרבײַ דעם שענסטן פּלאַץ אַצינד,
ווו ס'וואַקסן פֿון דער וועלט די שענסטע בלומען,
און וווהין דו וועסט שוין קיין מאָל נישט,
קיין מאָל מער צוריק נישט קומען.
שטיי!
יאָג דיך נישט
אַזוי געשווינד,
באַן פֿון מײַנע טעג!
נישט לויף פֿאַרבײַ
דעם פֿרילינג אַזוי בלינד.

פֿראַלט אויף
לאָדן, טיר און פֿענצטער,
זאָל אַרײַנכוואַליען דער דופטיקער גערוך
און אָנזאַפּן די ווענט פֿון דײַנע קעמערלעך
מיט זונען־וואַרעמקייט אַדורך־און־דורך
און
זאָל עס נאָכדעם וואַרעמען...
אין פֿאַרריגלט־לאַנגן ווינטערצוג
זאָל פֿון טונקעלן זיך אויסוויקלען
די העלע שײַן פֿון בלומען־שמוק.

העי !

באַן פון מייַנע טעג !

וואָס פליסטו אַזוי שנעל ?

שטיי !

פאַרלאַנגזאַמער דייַן וועג,

דער פרילינגטאָג איז אַזוי

יונג און צאַרט און העל...

באַלאַדע וועגן ווינט און עפּלבוים

א מתנה מיינע קינדער און אייניקלעך

פרילינג־ביימעלעך צעבליטע
שיטן אויף דער ערד די צוויטן
הויפנווייַז — מיט אַלע הענט.
לאַכט אַ ווינטל, טאַנצט אין מיטן:
— אַזאַ אוצר דאַרף מען היטן!
אָט, נאַראָנים וואָס איר זענט!...

— בעסער זאָל דער צוויט צעפליִען!
נישט מיר בליִען צוליב בליִען,
נישט מיר שפּילן זיך אין בלי —
קענסט זיך ווינטל פון אונדז לאַכן,
מיט דייַן צינגל חוזק מאַכן;
נישט מיר הערן דיך סייַ ווי!

פלאַטערן די יונגע בלעטער:
— אוי! אַ קעפּעלע אַ גלעט טאָן,
אוי אַ פּנימל — אַ וויש!
אויף די פּלייצעס, אויף די אַקסלען
זאָלן זיי געראָטן וואַקסן —
עפּעלעך, געזונט און פריש!...

נעמען זיך נאָר פּיסקעס פּיקן —
און די ביימעלעך זיך קוויקן:
— ווי געראָטן און ווי שיין!
פּיצע־מאָנטשיקע, ווי קניפּלעך,
ערשט אַרויס איצט פון די וויקלען
און — מען וויגט זיך שוין אַליין!...

רופט דער ווינט זיי: — קומט זיך דרייען!
ס'דאַרפן ביימלעך היינט זיך פרייען!
איז דען פרילינג נישט אַצינד?
בעטן זיי זיך: — ניטע! ניטע!
וועסט חלילה נאָך צעשיטן
אונדז דאָס גאַנצע בוימגעזינד!...

און זיי פאָכען מיט די פינגער:
— היט זיך! היט זיך פאַרן שפרינגער!
וואָס גייט אָן אַ הפקר־ווינט?
טשעפעט זיך צו בלעטער גרינע
און נאָר הוליען האָט אין זינען,
טוט אַ דריי זיך — און פאַרשווינדט...

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

קומט דער זומער, היצן שטייגן,
און עס שטעלן אויס די צווייגן,
בלייכע עפּעלעך אַ ריי:
— וואַרעם זון אונדז אויס די ברעקלעך!
און פאַררויטל זיי די בעקלעך,
נישט מיר דאַרפן — אַלץ פאַר זיי!...

און דאָס ווינטל רעדט און גלעט זיי,
אַלע מאָל פון ס'ניי פאַרבעט זיי:
— קומט, לאָמיר אַ טענצל גיין!
כ'וועל אייַך בלאָזן, וועל אייַך קילן,

ווען איר אין דער לופט דערפילן
אייַער דופט און עפּל־חן!...

נאָר, די ביימלעך, נישט זיי טראַכטן
גאָר פון זיך איצט — ס'איז צום לאַכן:
— ווען פאַלט איין אַזאַ זאַך?!
אויף די שטענגעלעך די דינע
הענגען דאָך אַזוי פיל גרינע
עפּלעך, נאָך בלייך און שוואַך...

שורשען שווער און שטיל די בלעטער
און זיי לייגן אָפּ אויף „שפּעטער".
„ס'דאָ צייַט! מען וועט נאָך זען!
שפּעטער! שפּעטער! נישט אַצינדער,
ווען עס וועלן אונדז די קינדער
מער נישט הענגען אויף די הענט!..."

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

און די עפּל ווערן שטייַפער,
פולער, ראָזיקער און רייַפער,
— אָפּצורייַסן זיך פון בוים
ווילן זיי אַליין — וואָס פריִער,
און פון אומגעדולד זיי גליִען:
— אַט־אָ שוין! דערוואַרט זיך קוים!
— — — — — — — — —

קומען רײַסערס מיט די קוישן,
און פון נחת ביימער רוישן:
— צײַטיק! זיס! אַזאַ גוט־יאָר!
לאַכט דער ווינט זײ הייס אין פנים:
— „צײַטיק! שמײַטיק! ס'אַ נאַראָנים,
אָט פון וואָס מען פריידט זיך גאָר..."

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

האַרבסט — און ביימער גרוי געבויגן
שאָקלען זיך, פאַרמאַכט די אויגן:
— „איי! ס'אַ זומער ס'איז געווען!
אָפּגעפליקט אין גאַנצן טאַקע?! —
אַזעלכע עפּעלעך געשמאַקע
האָט מען דאָ נאָך נישט געזען!..."
— — — — — — — — —

ווינטער — ווייעט דער ווינט און צאָרנט:
— ווי־ווי! איך האָב אײַך געוואָרנט!
הערן האָט איר נישט געוואָלט!...
— — — — — — — — —

שטאַמלען ביימער שטיל בכּבוד:
— „ששוין! די פּירות אויפגעכאָוועט!...
זזאַפּטיק — זזוניק — שיין ווי גאָלד!..."

בינד מיך ניט...

בינד מיך ניט! —
מעג זײַן דער שנור
פון זײַד געשטריקט.
קלעפּ מיך ניט! —
מעג זײַן דער קלײ
פון בעסטן האָניק דורכגעזאַפּט.
פאַרשפאַר מיך ניט! —
מעג זײַן די שטײַג
פון בלומענצווײַג
דעם שענסטן
אויסגעפלאָכטן;
ווײַל
ווען ס'וועבט זיך שיכּרות אויס
און ס'ווערט דער אומעט גרעסער,
אַזוי פאַלט פון בונד אַרויס
אַ קנופּ — אַ שאַרפער מעסער
און:
האָסט אַ פייגעלע דערשטאָכן,
ווײַל
שנירלעך וועבן זיך אין נעץ,
האָניק גיסט זיך קלײיִק פויל
און ס'פאַרמאַכט אין שטײַג
ס'אָטעם פון מײַן מויל...

בין איך פויגל,
בין איך בלום —
איז באָדן מײַנער אומעטום!

שלאָג איך וואָרצל, בוי איך נעסט,
ווו נאָר איך קום.
כ׳דאַרף קיין ערד קיין שוואַרצע
אונטער מײַנע פיס;
כ׳פיר זי מיט זיך מיט
זיי זי — און געניס.
אָט ציט עס מיך אַהער,
אַ בליק —
און שוין ניט מער.
און ס׳ציט שוין אַנדערשוווּ,
ווי שמעטערלינג
פון בלום צו בלום.
בינד מיך ניט! ———

בוענאָס־איירעס. 1936

אַ האַנט

נישט דערזען וועט — ווער צו זאַט איז —
אויף אַ טרעפּל בײַ אַ וואַנט
ליגט אַ לויזער בינטל שמאַטעס
און עס שטעקט אַרויס אַ האַנט.

פינגער בלייכע, קרום צעבויגן,
שפּיציק, קריציק, הוילער ביין —
צו די מענטשן אויסגעצויגן,
וואָס זײ האַלטן אין איין גיין.

עפענען זיך אַלע ווײַלע
און פאַרשטײַפן זיך אין פויסט,
מאָנענדיק, ווי מיט פינף מײַלער,
פונעם בינטל שרײַט אַרויס:

— גוטע מענטשן, האָט רחמנות! —
לעכערט דורך אַ קול פון פּײַן. —
ווי פאַרבײַגיין גאָר מ׳קאָן עס
און נישט טאָן אַ וואָרף אַרײַן

אַ פּאָר ניקלנע מטבעות? —
אַזאַ ווייטיק און אַ שאַנד!
גיי פאַרשטיי עס, אָך און ווי איז,
ווער ס׳דאַרף אויסשטרעקן אַ האַנט.

פאָעט

ס'האָט אָנגעכאַפּט מיך פאַרן האַלדז
— אַרויסגעשלעפּט פון טיפן שלאָף —
אין מיטן נאַכט אַ האַרטע האַנט
פון אַ סקעלעט, אַ הוילער סטראָף.

פון ווייכן בעט געטאָן אַ הייב
— נו! נעם די פען אַצינד און שרײַב!
גיס אָן מיך מיט דײַן מאַרך און בלוט,
פיל אויס מיך מיט דײַן הייסן לײַב!

אָ, לאָז מיך אָפּ! איך ראַנגל זיך,
עס שלאָפן אַלע ווערטער איצט,
איך בעט זיך רחמים בײַ אים...
נאָר פון זײַן ביין אַ שוים עס שפּריצט.

און שפּיצן פינגער פון זײַן האַנט
נאָך שטײַפער אין מײַן האַלדז פאַרדריקט
— — — — — — — — — — — —
ביז ס'האָבן ווערטער לײַביקע
צעשורהט זיך הייס־אָטעמדיק.

האָט אויפגעצאַפּלט סטראָף נאָך סטראָף
מיט לײַב און לעבן דער סקעלעט —
און מיט אַ ליכטיק וואַרעם ליד
איז אויפגעשטאַנען דער פאָעט.

יונג און אַלט

יונג איז דער וואָס היפּערט איבער טרעפּ פּאָרויס
און מוטיק איז זײַן גאַנג: „איך וועל, איך וועל!"
הויך קײַקלט זיך זײַן קול פון כּולו־ברויז
און ווו ער ווענדט זײַן בליק — דער האָריזאָנט איז העל...

זיכער אין זײַן גאַנג, ער שפּרײַזט צום ברעג
און יעדער טראָט מבשׂר איז דער וועלט: „איך וויל!"
ער בלײַבט נישט שטיין קיין ווײַל און נישט ער פרעגט,
צי ס'איז נאָך ווײַט צום ציל...

און אַלט איז דער וואָס טריטלט וואַקלדיק,
פאַרלאָזט זיך אויף זײַן שטעקן — אָנגעשפּאַרט,
אַנשטאָט פאָרויס — עס קוקט זײַן בליק
צוריק, אַהין, ווו גאָרנישט אים דערוואַרט...

שמיד מיך

שמיד מיך, שמידער! שטאָל און אײַזן
שמיד — איך בין אין דײַנע הענט.
לאָז דײַן האַרטן האַמער שפּרײַזן
איבער מײַנע װײכע װענט...

װיפל װוּנדער קענסט באַװײַזן
װען מײַן ביין װערט דורכגעברענט —
װי ספּיראַלן־שטראַלן קרײַזן
פונקען פליִען, אַז עס בלענדט.

בלאָז דײַן בלאָזזאַק פײַער־שפּײַער,
כ׳ליג אויף דײַן קאָװאַדלע־פײַער,
גלי־מכשירים ניט פאַרשװענד!
גלי און שאַרף מיך גלאַנציק, נײַער,
װעט מײַן שטאָל זיך צאָלן טײַער,
מיט אַ מאַרקע — אָנערקענט...

בוים און איך...

1

הייבט אַ בוים זיך אין די רוימען :
רייַפער, שטייַפער, גרעסער ווערט !
און איך : אין מייַן צייַטיקייט —
בייג אַראָפּ זיך צו דער ערד.

2

בלעטער : יונג, אויף צווייַגן פעסטע,
צינדן ווידער גרינעם וואָר !
און דאָס בלוט אין מייַנע אֵברים :
קילט זיך, לעשט זיך וואָס אַ יאָר.

3

בלענדט זייַן קאָפּ אויף צוויטן ווייַסע :
ס'קומען פּירות, נייַ צעבלי !
ווייַסט מייַן קאָפּ זיך : פאַלן, פאַלן
מייַנע פּירות — אין פאַרבלי...

ווינטל־פינטל

(מעשׂה כעלעם)

ווייסט איר, וואָס עס קאָנען אָפּטאָן כעלעמער נאַראָנים? הערט און קוקט זיך גוט אַרום: כעלעם קאָן זײַן אומעטום!

אָט אַנומלט האָט אַ מאָלער, אַ טאַלאַנט, געזונט זײַן זאָל ער, צווישן בילדער אויסגעשטעלט זײַנס אַ מײַסטער־ווערק־געמעל.

קומען מענטשן, קוקן, גאַפן: וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן איז דאָך אַזוי פּרעכטיק שיין, ס׳האָט די פולע פאַרב און חן.

פּלוצעם טוט זיך ווער אַ ווּיצל, אפשר מיט אַ בייזן שפּיצל: „וואָס איז דאָרטן יענער פלעק אויפן לײַוונט סאַמע עק?"

נעמט זיך קנייטשן באַלד אַ שטערן: יאָ, מ׳דאַרף די זאַך באַקלערן. וואָס איז דאָ דער מיין, דער מער? און ווי קומט עס גאָר אַהער?

קוקט און רוקט זיך דער און יענער, און מ׳זעצט זיך — זיבן מענער — אַלע פונעם פאַרבן־פאַך — זייער ערנסט צו דער זאַך.

זיצן זיי אויף זיבן שטולן, הייבן העכער די שפּאַקולן און דאָס פינטל מען באַטראַכט נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט.

רופט זיך איינער אָן: איך שווער עס, אַז נישט דעם־אָ בילד געהערט עס! זאָגט אַ צווייטער: אויב אַזוי, איז דאָך עס, חלילה — אוי!

אוי, אוי, אוי, אַזאַ בעל־העזה! ניין, מ׳טאָר גאָרנישט דערלאָזן, ער זאָל טאָן וואָס אים געפעלט, הפקר ווערן זאָל אַ וועלט?!

אוי און אוי! זיי אויקען, ברומען: זאָל ער שוין אַהער צו קומען, דער מאָלער־גנב — אַזאַ שאַנד: מ׳האָט געכאַפּט אים ביַי דער האַנט!

שטעלט דער מאָלער זיך אַנידער פאַרן כעלעם־מישפּט ווידער און ער טענהט איידל, שטיל: כ׳ווייס נישט, אָסור, וואָס מ׳וויל?

זאָגט דער כעלעמער דער גרעסטער: אויסזאָגן דעם אמת וועסטו: ס׳איז נישט דיַין שמיר, נישט דיַין קאָליר. ווי זשע קומט עס פאָרט צו דיר?

מאַכט דער מאָלער שוין מיט צאָרן: איך, איך שאַף אַזוי פיל יאָרן מיט מיַין גאַנצן האַרץ און איר — טראַכט גאָר אויס אַזוינס אויף מיר?

אפשר פון דער וויַיט — אַ ווינטל האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ פינטל? בין איך שולדיק, האַ? איך פרעג! ס׳האָט דאָך גאָר מיַין בילד פאַרפלעקט!

טוט אַ שפּרונג־אויף נאָך אַ מאָלער, מיט אַ הייזעריקן קול ער שריַיט און זשיפּעט: מיַין קאָליר! אָפּגעווינטלט האָט ביַי מיר!

ווערט אַ ליאַרעם: ווינטל־פינטל! און עס בינדט זיך באַלד אַ בינטל פון די חשובע בני־עיר צו שטודירן דעם קאָליר.

ברענגט מען ביכער פון אַרכיוון און מ׳שטעלט־אָן די שפּאַקטיוון און פון בילדער אַן עקספּערט דרייט דעם ליַיוונט הין און הער:

— „אפשר, טאַקע? לאָמיר זאָגן, אַז אַ ווינטל האָט פאַרטראָגן אָט דאָס פינטל אויפן בילד, וואָס האָט ער דער־מיט געצילט?" — — —

— ווער זשע לאַכט עס פון די לײַט און — כאַ־כאַ־כאַ! האַלט זיך בײַ די זײַטן: כאַ־כאַ! אויפן בילד עס ליגט — אַ פינטל פון אַ פליג!...

מאַמע

דײַן קינד האָט אַ קינד שוין
און דו האָסט דײַן מאַמע.
דו זעסט פאַר די אויגן
צעוואַקסן די שטאַמען.

דײַן צווײַג צעבליט ווידער
אַרויף פול מיט פּירות.
און אונטער דעם דאַך דײַנעם
נעסטן פיר דורות.

דײַן קינדס קינד, דײַן קינד, רופט
מיט אײנזילביקע חנדלעך:
— מאַ. מאַ. און עס בלאַנקען
דרײַ ווײַסינקע צײנדלעך.

דײַן קינד רופט דיך צערטלעך:
— אָ, מאַמעלע מײַנע...
דײַן האַרץ טרינקט אויס תּמיד
געדולדיק איר טענה.

און דו רופסט גאָר פּשוט
דײַן מאַמען מאַמע...
און ס'קײטלען זיך קלאַנגען
די שענסטע צוזאַמען:

— מאַ, מאַמעלע, מאַמע.
די ליכטיקסטע רינגען
פון נחת און ליבשאַפט
אין איינעם צעזונגען.

כ׳ווייס — קינאה, נישט שיין איז,
נאָר כ׳בין דיך מקנא.
דייַן היים איז אַ היים דיר
אַ פולע מיט מאַמע.

הענט

ס'האָבן פּלוצעם זיך דערזען,
אין דער פינצטער זיך דערקענט
איינס דאָס אַנדערע, די צען
פינגער פון צוויי פרעמדע הענט.

איינס אַ הענטל, שמאָל און פיַין,
און דאָס צווייטע — ברייט און פעסט;
און דאָס הענטל איז אַריַין
ווי אַ פייגעלע אין נעסט.

האָבן פינגער זיך צערעדט
— איַי ס'אַ טעמיקע רייד!
זיך געקושט און זיך געגלעט
מיט אַ צאַפּלדיקער פרייד.

— ווּ ביסטו אַזוי לאַנג געווען?
איינס דאָס אַנדערע געפרעגט
און דערציילט זיך וואָס געשען
איז מיט יעדערן אויף זיַין וועג.

האָט איין האַנט אין צווייטער האַנט —
נשמהדיק גערוט
און געאָרעמט זיך באַנאַנד
האָבן פינגער צען — ווי גוט!...

אַ פּרוי

גייט אַ פרוי אין גאַס אַרויס
אין פרימאָרגן־בלי און ברויז:
ווּ זי זעט אַ שפּיגלשייַן
טוט אַ שמייכלקוק אַריַין.

לאַכט און מאַכט דער שפּיגל איר
קאָמפּלימענטן אָן אַ שיעור,
צאָלט די פרוי אים אָפּ צוריק
מיט פּראָצענט — אין בליק פול גליק.

און ווּ נאָר זי גייט פאַרביַי
און זעט אַ שפּיגל פון דאָס ניַי,
בליַיבן שטיין די פיס אַליין,
ווילן וויַיטער גאָר נישט גיין.

יעדער קוק און קאָקעטיר
שפּילט פונאַנדער מער איר גיר:
— „זאָלן אין פרימאָרגן מיַין
אַלע ווענט פון שפּיגלען זיַין!"...

גייט אַ פרוי אַראָפּ צו שפּעט,
אין אַ שפּיגל זיך דערזעט,
בייז, צעקאָכט איר כּעס צו נאַכט:
— „ווער האָט שפּיגלען אויסגעטראַכט!!"...

א פרוי

מוזיק: לעוו קאַגאַן



אשה

אֶל הרחוב אשה יוצאת.
הפריחה בכל נראית.
האשה ראי איתה
ובחיוך בו מביטה.

אז הראי לה מנדב
מחמאות קרובות ללב.
האשה לוֹ משיבה
בבת־צחוקה המרהיבה.

אם תמשיך דרכה ברחוב,
שוב תראה מראוֹת לרוֹב.
תעמוד בלי היסוס
ורגלה שוב לא תזוז.

כל גנדור וכל מבט
משלהב עוד את הבת:
אילוּ התקשטה העיר
במראוֹ עלי כל קיר!

במאוחר אשה יוצאת.
בראי היא שוב נראית.
באפה רוֹטנת היא:
מי המציא את הראי?...

מיידיש: נח פניאל

האָף

האָף און גלייב, אַז ס׳איז ניט אמת
וואָס דײַן אייגן אויג דערזעט
אין אַ כמאַרע גרוי אַ רמז,
אַז דו שפּרײַזסט שוין האַרבסטיק שפּעט...

ווייעט ווינט אויף דײַנע וועגן
און זאָגט אָן אַ ווינטער לאַנג.
הייב אויף העכער אים אַנטקעגן,
פֿײַערגלי פֿון דײַן געזאַנג...

גלייב נישט דײַן געבורטשײַן־דאַטע:
— וואָס אַ מאָל אַלץ מער טוט ווי —
וויקל זיך אין חלום־וואַטע
און פֿאַרשטאָפּ דאָס יאָר־געשריי!

האָף און גלייב נישט גוף באַשווערטן,
נישט קיין קרעכץ פֿון מאַטער־מי.
שטאַרקער שטײַג צו דעם באַגערטן
פֿלאַטער, ווי — אין פֿרילינגפֿלי!

האמן כי יש תוחלת

האמן כי יש תוחלת,
אין אמת בפי העב;
גם בערפל אין רמז,
שקרוב מאד הסתו.

אם הרוח מיללת
ומבשׂרת חורף קר,
פתח נגדו בשיר־שלהבת,
קרא ברון עליו תגר.

אַל תאמין ליום־הולדת,
שמכאיב מיום ליום.
משעת־ימים חולפת
התעטף בדוק־חלום.

גם בעת גופה כואבת,
אַל תפליט אנחת־עמל.
צעד בדרך הנכספת
וכבאָביב רחף אל על.

מיידיש: נח פניאל

כ׳ווייס נישט מחמת וואָס...

יענעם לערן איך ווי צו לעבן,
טוצנווייַז כ׳קען עצות געבן:
וואָס ס׳איז פּאַסיק, קלוג און שיין —
און ווי פיר איך זיך אַליין?...

רייד און מעשׂים מיט מבינות
שטרענג איך אורטייל — ווי דער דין איז,
צי יענער איז ווי ס׳דאַרף צו זייַן
אַלע מיצווהלעך מקיים?...

יעדער כמו־גערויש בייַ יענעם
הילכט פאַר מייַן געהער — אַ גיהנום,
„ווי שעמען זיך נישט אָט די לייַט
פאַר די שכנים בייַ דער זייַט?״

איך דערזע אין יענעמס אויגן
אַ דין אָדערל פאַרצויגן,
נאָר נישט ווי עס שפּאַלט זיך אָפּ
דער דאַך־באַלקן איבער מייַן קאָפּ.

איך ווייס נישט מחמת וואָס איך זוך עס
פרעמדע פלעקן, צו אַל די רוחות,
אַז איך טו דאָך אַלץ פאַרקערט! —
איך בין זיך אַליין נישט ווערט...

לא אדע מדוע

הזולת אני מדרכת
בעצות כיצד ללכת:
זה הוגן וזה יפה —
הגם לי נתיב כזה?

מעשים, דברים אָבינה,
אם כדין הם. אאמינה
לדרכו של הזולת,
אם קיים מצוות כדת.

אם שכנתי לה מאֻושת —
אֶש הגיהנום גועשת.
אֵין בושה לבני־אָדם
מול שכנים פה לצידם?

בעיני אשה אַחרת
אתבונן לכל מגערת.
אך קורה מבין עֵיני
לא ראיתי מימי.

לא אדע אני מדוע
לי נראה כל הפגוע.
אך עשיתי בחיי
את ההפך מחוקי.

מיידיש: נח פניאל

רויזן...

עפנט קנאָספּלרויז דאָס מײַלכל,
פון אַ רײַפער רויז זי לאַכט:
— וואָלסט געמעגט שוין האָבן שׂכל,
אין דײַן מעמד זײַן באַזאַכט.

איך טו אויס די גרינע טיכער
ערשט אַצינד, מיר פּאַסט אַלצדינג!
און אַפילו מיטן וויכער
מעג איך טאַנצן, איך בין גרינג!

אָבער דו? ביסט אַזאַ פולע,
האַלטסט דאָך קוים די בלעטער צו,
דאַרפסטו שוין רויִק זײַן, נישט הוליען
און נישט נאָכטאָן וואָס איך טו...

נאָר די רײַפע רויז, ווי אַלע
יונגע קנאָספּעלעך — וואָס דען?
אירע בלעטער פאַר די שטראַלן
עפנט ברייטער: — נו, אַ ברען!

— אַז איך בין דאָך ערשט אין גאַנצן
בלײַק טעג בלויז אויפן שטאַנג —
און מיטן ווינט זי לאָזט זיך טאַנצן
— אַ! ווי כ'בענק נאָך דעם שוין לאַנג!...

בלײַבט די רײַפע רויז אויף חוזק
אָפּגעפּליקט ווי אָפּגעגאָלט. —
לאַכט די קנאָספּלרויז: — אַ ברויזיק
טאַנצווינט האָט זיך איר פאַרוואָלט!...

ס'איז אויך דאָ אַ זונענלאַנד

אין דער כמורנער בייזער וועלט,
וווּ עס שנייט און ווייט מיט קעלט
און עס שטורעמט נאָכאַנאַנד,
איז אויך דאָ אַ זונענלאַנד.

איז דאָרט קיינעם קיין מאָל שלעכט,
לויטער וויַין דאָרט זענען נעכט;
פון צעשפילטע טרויבנטעג,
שווימט עס איבער פולן ברעג.

ס'שטראָמט דער וויַין פון זיך אַליין
מיט אַ ניגון מלא־חן;
איז מען שיכּור־הייַטער גאָר
אין דעם לאַנד, וווּ טרוים איז וואָר.

ס'איז דאָס לאַנד אומענדלעך גרויס,
פון די לענדער שייַנט אַרויס
מיט אַן אייביק העלן גרין,
ווייל איז דעם וואָס קומט אַהין!...

נאָר ס'ציט דער וועג אַרויף זיך שווער
און ס'קומט אַהין אָן זעלטן ווער;
ווער עס לאָזט אַראָפּ זיך מיד,
מיט אַ נישט דערזונגען ליד...

ביז עס פֿאַלט אים צו די נאַכט
און ער בליקט אַרויף פֿאַרשמאַכט
צו דעם הייס געגאַרטן לאַנד,
ווו ס'פּליסט פֿרייד איבער דעם ראַנד.

1940

המוציא־ליד

אַ ליד איז —
זאַלץ אין זופּ,
פּוטער צו ברויט,
אין יעדער שטוב:
אין רחבות, אין נויט,
אין פרייד און אין וויי...

און צוקער צו טיי
און הייוון אין מי,
מאַכט הייבן זיך לײַכט
און גרינג דאָס געמיט —
ליד איז — ליד.

לויטער און פריש
ווי וואַסער צום טיש
און האָניק צו טייג,
ליכט פאַרן אויג,
לופט פאַרן נאָז,
און מאַלע וואָס
עס איז אַ ליד?

איז ווי קאָן אַ מענטש
לעבן אָן דעם אַלץ,
מיט פּאַסנעם ברויט
און זופּ אָן זאַלץ?

אַז ס'זאָל נישט האָבן אַ טעם פון גראָז,
מוז מען טונקען
„כּצפּיחית בדבש",
אין האָניק דעם טייג,
אין ליכט דאָס אויג,
ווי ברויט אין זאַלץ!...

און איבער דעם אַלץ
פון ס'נייַ, אַלע מאָל,
מאַכן אַ ברכה
הויך אויף אַ קול —
— מיט גרויס אַפּעטיט:
„המוציא־ליד!"...

מײַן בילד

דערזען האָב איך אַ בילד מײַנס פון מײַן װײַטן פרילינג
און כ'האָב זיך נישט דערקאָנט.
— װער ביסטו, מײדל, אין דער ראָם פון זונאױפגאַנג ?
זעסט אױס פרעמדלעך — און אױך אַזױ נאָנט !...

צעצונדענע אױגן, מיט טרױמטױ פאַרצױגן,
צעעפנטע ליפּן אין פּורפּור־צעבלי
אַנטקעגן דעם פלאַם פון דער ערשטער אַנטפלעקונג :
— צי האָב איך געהאַט װען אַזאַ אינדערפרי ?...

הײב איך מײַן בילד אױף, קוק אָן זיך אין שפּיגל :
— צי ביסטו מיט עפּעס נאָך ענלעך צו מיר ?
און פּנים לעם פּנים, באַטראַכט איך אונדז בײדן : —
— דערזע איך מײַן טעכטערל אױפן פּאַפּיר...

און אירע פינגער גלעטן מײַן שטערן —
פאַרצױען אַ שמײכל אַרום יעדן שטריך,
אין האַרבסטיקן גרױ איצט, מײַן פאַרביקן פרילינג
איך דריק צו מײַן האַרצן : — „מײַן טעכטערל־איך !"...
— — — — — — — — — — — — — — —

און אַז איך װעל נאָך און נאָך טרעפּ אַראָפּטרעפּלען,
װעל איך, — װי מען האַלט אין דער פינצטער אַ ליכט, —
אײַנראַמען מײַן בילד אין די הענט און עס צערטלען
מיט פינגער פאַרטרערטע : — „מײַן אײניקל־איך"...

תמונתי

מימי אביב רחוק אֶת תמונתי ראיתי
והשתוממתי — לא הכרתי את פני.
מי אַת, נערה, במסגרתה של זריחת־שמש ?
אַת כה זרה נראית — וכה קרובה אלי.

עיניים חלומות, דולקה בהן שלהבת,
באודם הלבלוב פתוחות שפתי־הפה.
אֶל מול להבת התגלות לראשונה אָז —
האם זכיתי פעם לבוקר שכזה ?

אֶת תמונתי אל מול הראי ארימה —
האם דמיון מעט בינינו עוד נשאר ?
אני אלי פנינו מתבוננת :
אבוי, הרי בתי אַת על גבי הנייר !

ידיה שוב לוטפות מצחי באהב,
משרות חיוך נלבב עלי כל תו שלי.
באפרורית סתוית אני אביב־הזוהר
אלחץ אלי לבי : בתי שלי־אני !

ואם במדרגות רבות ארד עוד,
כאיש מחזיק נרו באפלה ודמי,
עוד אנשק אֶת תמונתי ואגפף לי
באצבעות דומעות : אַת נכדתי־אני !

מיידיש : נח פניאל

מייַן שׂכר בייַם לעבן

— איר, וואָס וועט כּלערליי שבחים מיר געבן,
ווי צידה־לדרך בייַם לעצטן באַגלייט,
גיט מיר אָפּ בעסער מייַן חלק בייַם לעבן
און צאָלט מיר אויס איצט, אין מזומן, מייַן פרייד.

די וועקסלען וואָס זענען אויף נאָך אַלע זמנים
אויף אייַערע ליפּן פּאַר מיר אָנגעגרייט,
צעוועקסלט! כּל־זמן ס'איז בייַ מיר נאָך פּאַראַנען
אַ דורשט נאָך די וואָרע און וואַרעמע רייד.

שמעלצט איבער דעם גלאַנץ פון די צו שפּעטע טרערן
אין איין קראַנץ פון פּערל — געסילוקט אין צייַט,
וואָס טויג מיר — אַז כ'וועל שוין נישט זען און נישט הערן
די שבחים־געשאַנקען — אויף יענער זייַט?!...

אָנשטאָט „לעצטן כּבוד" — פּאַראַד אימפּאָזאַנטן —
באַלוינט און באַקרוינט מיט באַצירונג פון צער —
שטרעקט אויס מיר אַן ערלעכע פּשוטע האַנט און
באַצאָלט מיר באַצייַטנס, בייַם לעבן, מייַן שׂכר!

רייזעלע

דערציילונג

רייזעלע איז געווען דאָס שענסטע מיידל נישט נאָר אין שטעטל, נאָר אין דעם גאַנצן געגנט מיט אַלע שטעטלעך אַרום און אַרום.

אַז מ׳פלעגט צו אַ מיידל זאָגן: „דו ביסט דאָך שוין באַלד אַזוי שיין ווי רייזעלע" — איז עס געווען דער בעסטער קאָמפּלימענט. צו דרײַצן יאָר איז זי שוין געווען הויך און אויסגעפּילט, רײַף און אַנטוויקלט, און צו פופצן — האָבן זיך שוין געליבט אין איר אַלע בחורים.

איר טאַטע, נחמן דער שוסטער, אַ הויכער געזונטער מאַנסביל, בטבע אַ רויִקער, האָט שוין ביסלעכווײַז געהאַט פאַרוואַנדלט זײַן גרויסן אַרבעט־צימער, צו דער גאַס־אַרויס, אין אַ פײַן אויסגעשטאַט קרעמל, מיט אַ רחבותדיקן שויפענצטער, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט אַלע לעצט־מאָדישע מאָדעלן פון פרויען־ און מענער־שיך. די ווענט אַרום זײַן שוסטער־וואַרשטאַט זענען געווען באַהאָנגען מיט פּאָליצעס, אויסגעפּילט מיט שאַכטלעך שיך צום פאַרקויף. די קונים זענען כסדר אַרײַן און אַרויס, טראָגנדיק מיט זיך די אײַנגעהאַנדלטע שיך מיט אַ צופרידענעם שמייכל, מחמת נחמן האָט גוט געקענט זײַנע קונים און געוווּסט וואָס מען דאַרף פאַרלייגן יעדן באַזונדער, עס זאָל פּאַסטן פאַר זײַנע פיס, עס זאָל זיך טראָגן באַקוועם, און טאָמער האָט

מען באַדאַרפט עפּעס צו לאָדן — האָט ער זיך געטאָן אַ זעץ אַראָפּ אויף זײַן שוסטער־בענקעלע, און איינס און צוויי — פאַרראָכטן דעם פּעלער אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט קאָנ־קורירן מיט די שענסטע, לוקסוסאָווע שיכגעשעפטן אין סאַמע צענטער, מיט די אויסגעפּוצטע „פּראַנטן", די פּאַר־קויפּערלעך, וועלכע זענען נישט פון שוסטערפאַך, ווי ער...

און די פּרנסה איז געפלאָסן ברווח...

אַז נחמן האָט דערזען דעם „צו שטאַרקן" דערפאָלג פון זײַן בת־יחידהלע בײַ די מענער, האָט ער אָנגעהויבן פאַר־לירן זײַן רויִקייט און געדולד צו די קונים, אַפילו צו דער אַרבעט.

— וואָס זאָגסטו, האַ, ביילע? — האָט ער אויפגעהויבן זײַנע פאַרזאָרגטע אויגן פון איבער דעם שוסטער־טישעלע צו זײַן ווײַב, וועלכע פלעגט אים אָפּט מאָל אַרויסהעלפן אין דער מלאכה — ווערדליק מיר ווײַזט זיך אויס, האָט זי, אונדזער טאָכטערקע, אָנגעהויבן אַ קאָפּל צו פּרי!?...

— זי האָט אָנגעהויבן?! — האָט ביילע, אַ קורצע, גע־פּאַקטע ייִדענע, אַן אויסגערונדיקטע ווי אַ קלאָפּסל, אַ שאָקל געטאָן מיט רוגזה דעם קאָפּ — זי? זי האָט אָנגע־הויבן? — און ס'האָט זיך צעשאָקלט פאַר כּעס איר מאָר־דעטשקע מיטן גוידערל אַרויף און אַראָפּ, — וואָס איז זי נעבעך, אונדזער רייזעלע, שולדיק? אַז דער אייבערשטער האָט איר באַשאָנקען מיט אַזאַ זעלטענער שיינקייט, וואָס מ'זעט עס נישט. מ'לאָזט דאָך איר די גאַס נישט דורכגיין!

— אָט אָט אָ! דעריבער טאַקע טראַכט איך אַז... אַז מיר, מיר מוזן זיך צואײַלן מיט איר!

— ביסט משוגע, מײַנע שׂונאים? זי איז דאָך נאָך כּמעט אַ קינד!

— אַ קינד, און שוין נישט קיין קינד!... ביילע, דאָס

האַרץ שרעקט מיך! עפּעס פיל איך אַז — אַז, כ׳ווייס נישט ווי אַזוי דאָס אַרויסצוזאָגן, אָבער, דעריבער, אַז... אַז ס׳וועט זיך מאַכן אַ לײַטישער בחור — טאָרן מיר נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט!...

— געלעגנהייט! — האָט ביילע מיט עפּעס געקײַעט דאָס וואָרט און ס׳האָבן געקריצט צווישן אירע ציין די טשוועקעלעך, וואָס זי האָט געקלאַפּט נאָכאַנאַנד אין די זוילן אַרײַן מיט אַ קאָכיקן אימפּעט — געלעגנהייט! דו! אַלטער דו! נעמען שוין און פאַרשלייערן, פאַרדרייען דעם קאָפּ אַזאַ יונג טעכטערל! נאָר אַ מאַן קאָן אײַנפאַלן אַזאַ ווילדער, מגושמדיקער געדאַנק! טפוי זאָל עס ווערן! — האָט ביילע אַרויסגעשפּיגן עטלעכע טשוועקעלעך פון איר מויל———

— אָט אָט אָ! טאַקע דעריבער, ווײַל איך בין אַ מאַנצביל, ווייס איך וואָס די מענער זענען! אויף וואָס זיי זענען אַלץ פעיִק... גרייט אָפּצוטאָן... און דערפאַר וואָרן איך דיך באַצײַטנס!...

— ביילע! — האָט נחמן אַ הייב געטאָן זײַן רעכטע האַנט מיט די האַרטע, פאַרסמאָלעוועטע פינגער — געדענק! גיב אַכטונג אויף אונדזער רייזעלען!...

— אַכטונג, שמאַכטונג! קיין אַנדערע זאַכן ליגן דיר נישט אין זינען! נאָר אַזעלכע נאַרישקייטן קריכן דיר אין קאָפּ! האָסט שוין געזען מ׳זאָל חתונה מאַכן אַ קינד אין איר עלטער? מיינסט אַוודאי ס׳איז דײַן איישישאָק? ווי מ׳האָט אַ מאָל פאַרדרייט דעם קאָפּ דײַן באָבען צו פערצן יאָר, און זי האָט אָנגעפּילט דאָס שטיבעלע מיט צען פּיצקערס...

— ביילע!! — האָט זיך נחמן געטאָן אַ הייב אויף פון זײַן בענקעלע אַ זעץ טוענדיק מיטן האַמער אויפן שוסטערטישל — אַז די טשוועקלעך זענען אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע

קעסטעלעך און זיך פונאַנדערגעשאָטן אויפן דיל — ביילע! דו ביסט די מאַמע! געדענק זשע: אונדזער רייזעלע איז נישט ווי אַלע מיידלעך! זי איז אין גאַנצן אַנדערש!...

— שאַ, שאַ! וואָס האָסטו זיך פונאַנדערגעקאָכט ווי אַ רעטשענער קרופניק? שאַ! נאָך אַ גליק, וואָס עס זענען איצט קיין קונים נישטאָ — האָט זיך ביילע געבויגט איבערן דיל, צונויפגעקליבן די טשוועקלעך און דערבײַ געמורמלט אַ בייזע, אַ פאַרשעמטע:

— אַנדערש, אַנדערש, מיט וואָס איז זי עפּעס אַנדערש?...

*

און רייזעלע איז טאַקע געווען אין גאַנצן אַנדערש: איר פיגור אַזוי פּערפעקט, ווי אויסגעשניצט דורך אַ טאַלאַנטפולן מײַסטער, איר פּנים — ווי אַ קונסטבילד פון אַ מאָלער. אַז זי איז געגאַנגען, זיך וויגנדיק ריטמיש, האָט איר לאַנגע דינע טאַליע אויסגעזען ווי אַ שוועבנדיקער שלייף, מיט איין אָרעם אַרומצוויקלען אין דער מיט צווישן ביידע פולקייטן; דער אונטערשטער אויסגעפּולטער, און דער אייבערשטער מיט אירע ביידע שטײַף שפּראָציקע בריסטלעך... אירע אָרעמס, הענט און פיס אַזוי שלאַנק און אויסגעטאָקט, ווי אויסגעפורעמט לויט אַ פריִער באַשטעלטן מאָדעל. די הויט פון איר לענגלעך־אָוואַלן פּנים — אַזוי איידל, צאַרט און ליכטיק, ווי אַ צײַטיקע פרי, מיט אַ בליִענדיקער ראָז־קייט אויף די באַקן. בײַ איר יעדן וואָרט און שמייכל האָבן אַרויסגעבלענדט פון אירע פולע רויטע ליפּן צוויי גלײַכע שורות עכטע פּערלציין, און אין יעדער באַק אַ חן־גריבעלע, אַרײַנגעקנאָטן טיף, ווי אַ זאַפטיק־זיסע ראָזשינקע אין אַ פרישער בולקע. און ס'האָט געטאָן אַזאַ שמעקנדיקער צי צו זיי — כאָטש אויסצוקושן, אײַנצושלינגען...

אירע גרויסע, בלוילעד־גרינע פאַרחלומטע אויגן — ווי לויטערע סאַזשעלקעס, אַרומגעזוימטע מיט וויִעס פון זוניקן קאַשטאַן־קאָליר, האָבן האַרמאָניזירט מיט אירע זייַד־ווייכע געלאָקטע האָר פונעם זעלבן קאָליר.

— אַך, וואָס פאַר אַ שאָד! — פלעגן מענטשן איר נאָכ־קוקן מיט באַוווּנדערונג — הלמאי שיקט מען נישט דאָס מיידל צו אַ שיינהייט־קאָנקורס?! זי וואָלט זיכער געוווּנען דעם ערשטן פרייַז! באשר מ׳וווינט דאָ אַזוי וויַיט, פאַר־וואָרפן אין אַ העק, אַ קליין שטעטל, מיר וואָלטן אין איר זכות געוואָרן באַרימט און באַוווּסט איבער דער גאַנצער וועלט!

אָבער חברה־לצים פלעגן אַ מורמל טאָן, אַזוי זיך אַ זאָג טאָן אַ חכמהלע:

— ווי אַזוי האָט ער עס אַזוי אויסגעמייַסטרעוועט? דער שוסטערוק?!...

— ער קען! ער קען די מלאכה! אַזוי ווי ער צאַצקעט אויס אַ פּאָר באַשטעלטע שיך, צי שטיוועלעך — אַז ס׳איז צו זיי קיין גלייַכן נישטאָ...

— יאָ, יאָ, אַ פּאָר שטיוועלעך פאַרשטייט מען, דערויף איז ער אַ שוסטער, אָבער אַזאַ קונצשטיק, אַזאַ מייַסטער־ווערק ווי אָט דאָס רייזעלע?...

— הע־הע, דאָס זענען טיפע סודות — נישט צום דער־גרונטעווען...

— און אפשר האָט זיך די ביילע בעת־מעשה געהאַט פאַרקוקט אויף אַזאַ קראַסאַוועץ, האַ?

— זי איז אויך, ווייַזט אויס, געווען אַ מאָל גאָר ניש־קשהדיק. נישט קיין הויכע ווי דאָס טעכטערל, אָבער דאָס פּנים אירס, אַדרבה, טוט נאָר אַ באַטראַכט אירע גלייַכ־מעסיקע שיינע שטריכן, דאָס מויל מיט די פולע פרישע ליפּן

זענען נאָך רויט עד־היום, און דאָס קורצע גלײַכע נעזל, און פון אירע בלוי־גרינע גרויסע אויגאַנעס טוט נאָך פון צײַט צו צײַט אַ שפּריץ אַרויס אַ פונקעלע אַזאַ, וואָס קאָן נאָך אָנצינדן אַ יצר־הרע־פײַערל אין יעדן מאַנספּאַרשוין...

— יאָ, ס'לייגט זיך אויפן שׂכל. די רייזעלע האָט בײַם געבוירן ווערן געמאַכט דעם ריכטיקן אויסוואַל. זי האָט אַרײַנגעכאַפּט דאָס שענסטע פון זיי ביידן אין אַ צויבער־לעכער קאָמבינאַציע. דאָס שיינע פּנימל פון דער מאַמען און די הויכע שטאָלטנע פיגור פונעם טאַטן...

— ווי וואָלט געוועז צו איר, ווען עס וואָלט אַרויסגע־קומען פאַרקערט... כאַ־כאַ־כאַ!...

— יאָ, ס'האָט זיך זיי אײַנגעגעבן, ווײַל ער, דער נחמן, אַז ער טוט זיך אַ פּוץ אויס לכּבוד אַ שׂימחה, אַ חתונה אין שטעטל — פאַרשײַנט ער די שענסטע באַלעבאַטים מיט זײַן שיינקייט. אַן „אָסאָבע". ער שפּרײַזט דאָך אַזוי גאווה־דיק, דער קאָפּ פאַרויס, ווי אַ גענעראַל, די ערד ציטערט אונטער זײַנע טריט...

— הע־הע־הע! און אפשר האָט זיך אַ מאָל דעם שוס־טערס מאַמע, דאָרטן אין טיף רוסלאַנד, טאַקע געהאַט פאַרקוקט אויף אַ גענעראַל? ס'קאָן דאָך האָבן געשען, לאָמיר זאָגן, בעת אַ גענעראַל איז פונקט פאַרבײַגעפאָרן זייער שטעטל? הע־הע? מאַלע וואָס?

— נו, נו, גענוג זאָל זײַן! נאָר נישט פּראַווען קיין רכילותלעך... נאַרישקייטן! כ'האָב אַנומלט געזען נחמנס משפּחה־בילדער: זײַן טאַטע, זיידע און עלטער־זיידע — אַלע אַזעלכע שיינע מענער...

— און איך זאָג אײַך, אַז די רייזעלע איז „צו" שיין, און וואָס „צו" — טויג נישט! הלוואי זאָל זיך עס ענדיקן גוט, הלוואי זאָל זי זיך נישט פאַררײַסן צו הויך און זיך

ניִשט אויסגליִטשן...

— און איך האָב שוין טאַקע געהערט, אַז זי איז עפּעס ניִשט כּדרך־הטבע... ניִשט ווי אַלע מיידלעך אין איר עלטער, אַז עפּעס גליִט אין איר אַזאַ פֿײַערל, וואָס ציִט צו און פֿאַרברענט...

— אַ שאלה אַ ביסל, צי מ׳קאָן לעבן איר פֿאַרשׂרפֿעט ווערן? אָהאָ! אַזאַ פֿאַרשווינטע!

— אַז זי גיט אַ בליץ מיט אירע קוקערלעך, און אַ שטעל אַ טריטעלע — אָ־האָ־האָ!...

*

אַז צו ביילען זענען דערגאַנגען די אַלע בײַזוויליקע מור־מלערײַען, פּילדײַטיקע אָנצוהערענישן אויפֿן חשבון פֿון זײַער גערראָטן, פֿאַר פֿרי רײַף געוואָרן טעכטערל — האָט זי אָנגעהויבן צו טראַכטן זייער ערנסט וועגן אַ שידוך טאָן מיט רייזעלען.

— יאָ, נחמן, דו ביסט געווען גערעכט, האָט זי איין מאָל אַ זאָג געטאָן צו אים אַ פֿאַרכמורעטע — מיר מוזן באַ־שליסן! און וואָס גיכער!...

צו די יונגינקע בחורימלעך, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום רייזעלען און אַרומגעפּלאָנטערט אַרום איר אין די שטילע פֿאַרנאַכטן, און פֿון צײַט צו צײַט אויף די שטעטלשע בעלער, וועלכע פֿלעגן פֿאָרקומען נאָך יעדער טעאַטער־פֿאָר־שטעלונג פֿון די אָרטיקע היימישע ליבהאָבערס — צו אָט דער גאַנצער כאַפּטע ייִנגלעך, וועלכע פֿלעגן וואַרטן אומגע־דולדיק אויף דער גליקלעכער רגע, צו קאָנען אַרײַנכאַפּן אַ טאַנץ מיט רייזעלען, צו דערשפּירן איר פֿאַרשיכּורנדיקן אָטעם — צו זייער טומלעניש, צו זייער געדיכטער „צוקלע־

פעניש" האָט די ציטערנדיקע מאַמע נישט אַרויסגעוויזן קיין צייכן פון צוטרוי, קיין סימן פון האָפענונג...

ביילע פלעגט זיצן בשעת־מעשׂה אויף אַ בענקל ביַי דער וואַנט, אין דער לאַנגער ריי צווישן אַלע מאַמעס, מומעס, עלטערע שוועסטער, וועלכע באַגלייטן און „האַלטן אַן אויג" אויף די יונגינקע „ציפּליאָניקלעך", וועלכע שוועבן אַרום מיט זייערע קאַוואַלירן, טאַנצנדיק רונד אַרום אויפן פריַיען דיל, אין מיטן דעם זאַל. אַזעלכע אַנטציקטע און באַרוישטע פון עקסטאַז, צום טאַקט פון דעם הויך שפּילנדיקן אָרקעס־טער.

ביילע פלעגט כּלומרשט זיַין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַ שמועס מיט אירער אַ שכנה ביַי דער זיַיט און דערביַי נישט אָפּלאָזן פון אויג איר פאַרפלאַמט טעכטערל. און פון די חברה, וואָס שמאַיעווען פיבערדיק אַרום איר...

ניין, קיין איינער פון זיי טויג נישט פאַר רייזעלען! — האָט ביילע, נאָך אַ געניויעם באַטראַכטן יעדן איינעם, ביַי זיך פעסט באַשלאָסן. „צוציקעס!" זיי באַניַיען ערשט אַן אָנצוג מיט לאַנגע הויזן... פלאַטערלעך... ווייסעך וואָס! דאָס זענען זומערפליגעלעך! נאָכן ערשטן פלאָם בליַיבן זיי פאַרסמאַליעט, הויל און הילפלאָז — ניין! פון אָט דער גאַנצער מחנה איז נישטאָ קיין איין רעכטער קאַנדידאַט!

פאַר איר טעכטערל דאַרף זי אָפּזוכן אַ רויִקן, געזעצטן, פּראַקטישן מענטש, וועלכער זאָל זיַין בכּוח איר צו שיצן פון אַל דאָס בייז, פון די סכּנות, וועלכע לויערן אויף אַזאַ יונג צעבליטער שיינהייט ווי איר רייזעלע, אַ מאַן, וועלכער זאָל זיַין באַוואָרנט מיט אַ זיכערער פּרנסה, מיט אַ גוטן אָבער פעסטן כאַראַקטער, וועלכער זאָל איר אַרומפלעכטן אַרום און אַרום ווי דער הויכער געדיכטער פלויט אַרום די פּרוכטן־ביימעלעך פון זייער סאָד, אַז קיינעם זאָל זיך קיין

מאָל נישט פֿאַרוועלן אַרײַנצושטעקן די הענט און טאָן אַ פֿליק אַראָפּ אַ פּרוכט פֿון אַריבער, אָדער צווישן די צוים־שטאַכעטן...

*

די צײַט איז זיך אַזוי געפֿלאָסן און רייזעלע האָט זיך אַלץ מער און רײַפֿער אַנטוויקלט, פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן נאָך שענער מיט נאָך מער צוציִונג־צויבער.

— זעט נאָר, — האָבן מאַמעס פֿון דערוואַקסענע טעכ־טער איר נאָכגעקוקט מיט קינאה — אַלצדינג פֿאַר איר איינער! אַזוי פֿלאַמיק און מילד, גראַציעז און שיין! אַלע חנען פֿאַר איר אַליין!...

בײַ די מענער, יונג און אַלט, פֿלעגן זיך די אויגן צעגלאַנצן:

— יאָ, זעענדיק רייזעלען קאָן מען ערשט גלייבן אויף אַן אמת, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די פֿרוי. אַזאַ עכטע וווּנ־דער־כּלי, אויסגעפֿאַרטיקט און אַרויסגעענדיקט פּינקטלעך — מיט אַלע פּיטשעווקעס — אָן איין חסרונדל, אַזוי גענוי — האָט געקאָנט אויספֿורעמען נאָר דער בורא־עולם אַליין, דער ערשטער וווּנדער־מײַסטער!...

אויף וועמען רייזעלע האָט געטאָן אַ בליק, איז גלײַך ווי זי וואָלט אויף יענעם פֿאַרוואָרפֿן צוויי בלוי־גרינע רונדע רייפֿן, איז שוין יענער געבליבן ווי אַ געפֿאַנגענער אין איר נעץ — מער שוין נישט געקאָנט איר פֿאַרגעסן...

— ס'נישט גוט! האָבן טאַטע־מאַמע שטאַרק פֿאַרזאָרגטע געזיפֿצט און זיך געסוֹדעט און זיך געיִישובט נאָכאַנאַנד, ביז זיי זענען אין אַ טאָג געקומען ביידע גלײַך צו דעם זעלבן שׂכלדיקן אויספֿיר:

„יאָ, אָט דער בערל, בערנאַרדאָ טשיזשיק, וועלכער האָט זיך ערשט פֿאַר אַ יאָרן באַזעצט דאָ אין שטעטל, און ער

שלעפט זיך נאָך צווישן דער באַנדע יונגוואַרג — ווי אַ צוגע־זאָטענער צו רייזעלען — ער, ער איז דער בעסטער קאַנדי־דאַט פאַר איר !״

— זעסט דאָך, זאָגט ביילע, וויפל געלט ער גיט אויס צוליב איר, אויף דער גאַנצער חברה. וויפל מאָל מ׳גייט אַרויס ב׳קאָמפּאַניע, יינגלעך, מיידלעך, מ׳כאַפּט זיך אַריַין נאָכן זען דעם פילם אין אַ קאַפעטעריע, אַלע כאַפּן אַ נאַש, אַ ביס, אַ טרונק — אַלע כאַפּן זיך צו זייערע טיַיסטערס, אָבער צאָלן, — צאָלט ער ! אַלע מאָל ! אַזוי דערציילט מיר רייזעלע...

— אַוודאי, — איז מסכים נחמן — זיַין געשעפט גיט אויף אַלץ ! איין קוק אויף אים, זעט מען באַלד אַז ער איז אַן אמתער, געניטער, פראַקטישער סוחר.

— הער נאָר אַזאַ קוראַזש ! קומט אַראָפּ צום ערשטן מאָל, אַ פרעמדער, און קויפט אָפּ באַלד דעם שענסטן גע־שעפט אין סאַמע צענטער, אין אַזאַ קליין שטעטל, אַריַינ־בראָקן אַזאַ מטמון מיט געלט ! פססס !

— און דו זעסט דאָך ווי ער לייזט. ס׳דאָרטן שטענדיק פול מיט קונים. אויף אַזעלכע טיַיערע שטאָפן זאָלן זיך דאָ געפינען אַזוי פיל בעלנים ?...

— דו ווייסט דאָך, מיַין וויַיב — שמייכלט נחמן מיט אָנצוהערעניש — אַז פון אַלצדינג קאָן אַ פרוי וועלן אָפּ־שפּאָרן — אָבער קיין מאָל נישט פון וועלן אויסזען שענער, יינגער, עלעגאַנטער...

— יאָ, זינט בערל האָט געעפנט זיַין קראָם דאָ, האָט ער אַראָפּגעבראַכט די גרויסע שטאָט אַהער. איך זע ווי די פרויען דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן גרויסשטאָטיש, קאָקעטיש.

— און ער האַלט אין איין פאַרגרעסערן און פאַרשענערן,

מאָדערניזירן דאָס געשעפט, שוין איין מאָל אַ סוחר!

— יאָ, דער בחור איז נישט קיין פּוסטער פּראַנטל, נאָר אַן ערנסטער, געזעצטער מענטש...

*

בערל איז, וואָס אַן אמת, געוועז שוין אַ ביסל צו גע־זעצט, צו נידעריק, צו ברייטפּלייציק און די הויט אויף זײַן גוטמוטיקן, שמייכלענדיקן פּנים איז געווען צו רויט, איבער הויפּט ווען ער האָט זיך יינגלעריש געפּליַיסט אויסצונעמען בײַ רייזעלען, זוכן ספּעציעל אויסדערוויילטע ווערטער, אָדער זיך אויסצייכענען מיט עקסטרע גוטע, נאָבעלע מעשׂים — ווערלנדיק אַריבערשטײַגן די יונגע יאַטעלעך — דעמאָלט פּלעגן זײַנע ביידע פּולע באַקן זיך צעצינדן מיט אַזאַ רויער רויטקייט, ווי מ'וואָלט אים חלילה נאָר וואָס געהאַט אָפּגעפּאַרעט מיט אַ פּולן טשײַניק הייסן וואַסער... אָבער פון זײַנע פאַרזשמורעטע, העל־בלויע אויגן האָט דערבײַ אַרויסגעפּלייצט אַזאַ צוזאָגנדיקע גוטסקייט און געטריַי־שאַפט, וועלכע איז ביכולת צו פאַרגיטיקן פאַר דער באַ־וואָלטער פּיזישער פּאָזיציע מיט דער שענסטער מתּנה: מיט אמתן, ערלעכן גליק.

— קינד מײַנס, — האָבן טאַטע־מאַמע גענומען אײַנרעדן רייזעלען, רימענדיק זײַנע גוטע מעלות, — ער וועט דאָך דיך אויף די הענט טראָגן!

— וועסט לעבן פאַר אים ווי אַ פּרינצעסין...

— מ'זעט דאָך באַלד, ווי מ'גיט אַ קוק אויף אים, אַז ער איז אַ מזג־טוב! אַ שטיק גאָלד!

— זינט ער גייט אַרײַן צו אונדז אין שטוב — האָט ביילע אַרומגענומען די טאָכטער — גלייב מיר, קינד מײַנס, אַז ער איז מיר געוואָרן אײַנגעבאַקן אין מײַן האַרצן ווי אַן

אמתער אייגענער זון... אַזאַ איבערגעגעבענער צו אונדז אַלע־מען — אַזאַ געטרײַער!...

— טאַקע ווי אַ זון — האָט נחמן אַ גלעט געטאָן רייזע־לען איבערן קאָפּ — ער האָט דאָך דאָ קיינעם נישט, אַן עלנטער. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז ער איז שוין אַרײַנגע־וואַקסן אין אונדזער משפחה — ער איז דאָך אַזאַ ערלע־כער! אַזאַ גוטער!

— יאָ, יאָ, זייער אַ גוּר־גוטער! — האָט רייזעלע געוויינט און געשלוכצט — אָבער, האָט זי מיט אַ מאָל געטאָן אַ קוויטשע אַרויס — אָבער אַז איך — איך האָב אים נישט ליב!?

— ליב־שמיב! — האָט די מאַמע זי געטוליעט שטאַר־קער צו זיך — דו וועסט אים ליב האָבן פֿאַר זײַן איידל־קייט! פֿאַר זײַן גוט האַרץ! כ׳בין זיכער דערין! וועסט זען, טעכטערל, אַז שיינקייט שפּילט נישט קיין ראָלע אין אַ חתונה געהאַט לעבן, און פֿאַר אַ מאַנצביל אַוודאי און אַוודאי נישט...

— אַזוי זאָגסטו איצטער, מאַמעלע! — האָט רייזעלע געטאָן אַ כליפּ און אַ לאַך, און אויפגעהויבן איר קאָפּ אַרויף איבער דער מאַמען — איז פֿאַר וואָס זשע האָסטו זיך אויסגעקליבן דווקא אַזאַ שיינעם מאַן ווי דעם טאַטן?

— אָוואַ! — האָט די מאַמע אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט אַרויף צו נחמנען — פּסס! אַ וואַזשנער פֿאַרשוין!

— יאָ, יאָ, דער טאַטע איז נאָך הײַנט שענער פֿון אַלע בחורים!...

— נו — האָט זיך ביילע צעשמייכלט — איז אַ מאָל געווען איין שיינער בחורעץ, האָב איך אים אויסגעכאַפּט, איז דאָך שוין מער נישטאָ... באַדאַרף מען איצט זוכן מיט אַנדערע גוטע מעלות... פּרווו! פּרוּוו, קינד מײַנס. געוווין

זיך צו צו אים. גלייב מיר, טײַערינקע, דיר וועט זיך לעבן מיט אים אַזוי גוט און גליקלעך — אַז דו וועסט פֿאַרגעסן אַלע אַנדערע נאַרישקייטן...

*

כּך־הווה... עס זענען שוין אַריבער עטלעכע יאָר. רייזעלע איז שוין אַ מאַמעלע פון צוויי טעכטערלעך: טילי און לילי — שיינהייטן. אין גאַנצן אין איר געראָטן און רייזעלע איז געוואָרן נאָך שענער, ווײַבלעכער; זיך פונאַנדערגעבליט, ווי אַ גאָרטן בײַ אַ גוטן גערטנער.

בערל האָט באַלד נאָך דער חתונה אַראָפּגעבראַכט אין זײַן אויטאָ, פון אַ צווייטן שטעטל, אַן ערשטקלאַסיקע, גוט באַצאָלטע דינסט — וועלכע האָט געהאַט געדינט פריִער בײַ אַ זייער רײַכער חשובער משפּחה אַ סך יאָרן און האָט געהאַט אַ גוטע פּראַקטיק ווי אַזוי אָנצופירן אַ ברייטע הויזווירטשאַפט — כּדי רייזעלע זאָל גאָרנישט דאַרפן טאָן און זיך נישט קאַליע מאַכן אירע שיינע איידעלע הענטלעך, און אַז דאָס ערשטע קינד איז געבוירן געוואָרן האָט בערל באַלד אויסגעזוכט אַ יונג שיקסל, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן און טאָן אַלע אַרבעטן אַרום קינד, ווי וואַשן ווינדעלעך און אַרומפירן שפּאַצירן — אַז רייזעלע זאָל נישט האָבן אויף זיך קיין שום יאָך פון פירן אַ שטוב.

— טוט נאָר אַ קוק ווי עלעגאַנט רייזעלע קליידט זיך! — האָבן איר נאָכגעקוקט און געפרוווט אַראָפּכאַפּן אירע מאָדעלן די גרעסטע גבירטעס פון שטעטל — אַז אַלצדינג פּאַסט איר אַזוי שאַרמאַנט! — האָבן זיי קאָמענטירט שטילערהייט, מיט גרויס קינאה...

רייזעלע פלעגט מאַכן אָפטע שפּאַצירן אין דער הויפּט־

שטאָט בוענאָס־אײַרעס באַגלייטנדיק איר מאַן, יעדעס מאָל, ווען ער איז געפאָרן אײַנקויפן סחורה פאַרן געשעפט. בעת יעדער רײַזע פלעגן זיי אויסנוצן די געלעגנהייט און באַזוכן די שענסטע פלעצער פון דער גרויסער, איבער צען־מיליאָ־ניקער שטאָט. אַזוי ווי די קינדערלעך זענען געווען באַזאָרגט מיט דער אויסערגעוויינטלעך גוטער דינערשאַפט — אונטער דער אויפזיכט פון רייזעלעס טאַטע־מאַמע, וועלכע פלעגן בעת זייער אָפּוועזנהייט זײַן מער מיט די אייניקלעך ווי בײַ זיך אין שטוב — האָבן זיך בערל מיט רייזעלען געקאָנט דערלויבן צו מאַכן ווײַטע, אינטערעסאַנטע עקסקורסיעס, באַזוכן די שענסטע ערטער פונעם ריזיק גרויסן לאַנד אַרגענ־טינע. אין קאַלטן דרום האָט זיך רייזעלע נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון די וווּנדערלעך שיינע פיל־קאָליריקע אָזיערעס, וואַסערפאַלן, בערג און טאָלן אין דער געגנט פון „סאַן קאַר־לאָס דע באַרילאָטשע". אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געמאַכט אַ שפּאַציר אין צפון־עק פון לאַנד וואָס גרענעצט זיך מיט בראַזיל, צו די וועלט־באַרימטע וואַסערפאַלן „לאַס קאַטאַ־ראַטאַס דע איגואַסו". זיי האָבן עס באַטראַכט פון דער אַרגענטינער זײַט און נאָך דעם אַריבערגעשווומען אין אַ שיפל די בערך 100 מעטער ברייט פון טײַך — קיין בראַזיל, און פון דאָרטן ווידער באַוווּנדערט די האַסטיקע און שפּרי־ציקע וואַסערשטראָמען, וועלכע מיניען זיך אין זונענגלאַנץ אין אַלע קאָליר־שאַטירונגען.

— ניין! איך קאָן נישט גלייבן מײַנע אייגענע אויגן, וואָס איך זע דאָ אַצינד! — האָט רייזעלע אויסגערופן אַן אַנטציקטע — זע, זע בערל! ווי די וואַסער־שורות גלאַנצן אַנטקעגן דער שטראַלנדיקער זון! — ווי אמתע שנורן מיט בריליאַנטן! אוי! — האָט זי אויסגעשריגן אַ געפּלעפּטע פאַר דער וווּנדער־אַנטפּלעקונג — זע, זע ווי זיי צעצינדן זיך

און פינקלען אויף אין אַלע צויבער־פאַרבן! אַזוי כּסדר! נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד!!

— גאָט מײַנער! וואָס פאַר אַ נאַטור־װוּנדער! מ׳קאָן משוגע ווערן פון אַזוי פיל פאַרבלענדנדיקער שיינקייט! זע! זע! ווי ברייט און ווײַט אַרום און אַרום זיי צעשפּריצן זיך און פאַלן פונאַנדער איבער די ביימער און איבער אַלע גע־דיכטע, צעגרינטע פרישע פלאַנצן! אַזאַ ברכה! פון אַזוי פיל פלייצנדיקן וואַסער באַרג־אַראָפּ — אָן אויפהער! — און עס ווערט נישט געשטילט דער ריטמיש פאַרהילכנדיקער בראַזג און גערויש אויף איין סעקונדע!!! און עס ווערט נישט געמינערט אַ טראָפּן פון די אייביק קוועלנדיקע וואַ־סערפאַלן!... — איז רייזעלע געשטאַנען, געקוקט און גע־רעדט מיט גרויס התלהבות.

— כ׳בין גליקלעך, רייזעלע — האָט בערל איר נענטער צוגעטוליעט צו זיך — וואָס דו האָסט נישט קיין חרטה אויף דעם באַזוך.

— חרטה?! כ׳וויל אײַנקריצן דעם גאַנצן פּײַסאַזש פון אַרום און אַרום אין זיך, ביז מיר וועלן ווידער קאָנען קומען אַהער — איז רייזעלע געשטאַנען אַן עמאָציאָנירטע און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— אָך! פאַר וואָס נישט? אם־ירצה־השם, איבער אַ יאָר! איך זאָג עס דיר צו, מײַן טײַער קינד! — און בערל האָט אָפּגעפּרעסט צוויי געשמאַקע קושן אויף אירע ביידע באַקן...

אומעטום זענען זיי געפאָרן באַקוועם, ערשטע קלאַס, אײַנגעשטאַנען אין די בעסטע האָטעלן, און בערל האָט איר כּסדר געקוקט אין מויל אַרײַן, אפשר וועט זיך איר עפּעס אַ נײַס פאַרוועלן? ווען רייזעלען איז עפּעס געפעלן געוואָרן, האָט בערל אָנגעקוואָלן — נאָכגעבן תּיכּף איר פאַרגלוס־טעניש. אין די הייסע זומער־מאָנאַטן פלעגט בערל אַוועק־

פירן רייזעלען מיטביידע קינדערלעך אוןביידע דינסטן, אַ מאָל צו די קילע גרינע בערג פון פּראָווינץ קאָרדאָבאַ; אַן אַנדערש מאָל צום ים — צו די פּליאַזשעס פון מאַר דעל פּלאַטאַ, ווו מ׳באָדט זיך אין די שוימיקע כוואַליעס און מ׳ברוינט זיך אין דעם גאָלדיקן געלן זאַמד בײַם ברעג ים. ער פלעגט זיי אײַנאָרדענען אין אַ שיינער ווילע, ספּעציעל געדונגען פריִער אויף עטלעכע חדשים פון זומער־סעזאָן, זײַן אַ פּאָר טעג מיט זיי און פאָרן צוריק אין שטעטל צו זײַן געשעפט... ער פלעגט קומען צו זײַן משפּחהלע כמעט אויף יעדן שבת־זונטיק — זיך שלעפּן איבער צען שעה מיט דער באַן קיין בוענאָס־אײַרעס און פון דאָרטן מיטן אַוויאָן קיין מאַר דעל פּלאַטאַ, פאַרברענגען אַ טאָג מיט אַ האַלבן קוים אויף די וואַקאַציעס מיט רייזעלען און די קינדערלעך — און זונטיק פאַר נאַכט אַרויספאָרן צוריק... זיך מאַטערן, פאָרנדיק אַ גאַנצע נאַכט — אָפט מאָל נישט באַוויזן אַפילו אין משך פון די לאַנגע שעהען צו כאַפּן אַ דרימל, מחמת דאָס גערויש און טרייסלעניש פון דער באַן — און מאָנטיק אין דער פרי ווידער פריש און מונטער אין געשעפט, מיט דער זיסער האָפענונג אַז אָט־אָט דערנענטערט זיך שוין דער ערב־שבת און ער, בערל, וועט ווידער זײַן מיט רייזעלען...

*

בערל האָט פון אָנהייב אָן נישט דערלאָזט, אַז רייזעלע זאָל, ווי אַנדערע פרויען, זיך אײַנשפּאַנען אין דעם עוֹל פון זייער געשעפט — ער האָט עקשנותדיק זי אָפּגערעדט דערפון:

— ס׳נישט פאַר דיר! ס׳קומען אַרײַן פאַרשידענע סאָרטן קונים, אייניקע אַזעלכע ווילדע, פּראָסטע, וועלכע קאָנען פאַרדרייען אַ קאָפּ צוליב גאָרנישט... ס׳קאָן פּלאַצן דאָס

גערולד, אָבער מיך אַרט עס נישט, איך בין שוין צוגעוווינט צו זייער קלייַבעניש און דינגעניש. אָבער דו, רייזעלע, מיט דייַן פילבאַר נשמהלע, צו וואָס זאָלסטו זיך אָפּעסן ס׳הער־צעלע? ניין, מייַן קינד! זאָלן אַרבעטן די אָנגעשטעלטע אויף פּאַר דייַנעט ווענן! עס סטאַיעט, גאָט צו דאַנקען, אויף אַלצדינג!...

— בערל, איך וויל זיך דאָך מיט עפּעס פאַרנעמען! וואָס זאָל איך טאָן מיט אַזוי פיל פרייַע צייַט?

— שלאָף זיך אויס גוט! רו זיך אויס! גיי, ווען און ווו דו ווילסט שפּאַצירן, פאַרברענג מיט די קינדערלעך, געניס, וויפל ס׳לאָזט זיך נאָר!...

און רייזעלע האָט גענאָסן אַזוי פיל! און אפשר שוין אַ ביסעלע צו פיל... די גוטע געטרייַע עלטערע דינסט מיט דער מיטהילף פון דער יונגינקער פלעגן אַרויספּראַווען די קינ־דערלעך אין קינדער־גאָרטן, זיי אַרומוואַשן, אָנטאָן, פאַר־קעמען די קעפּעלעך, געבן עסן און אויספּוצן זיי ווי צוויי שייניקע ליאַלקעלעך, נאָכער פלעגט די עלטערע דינסט זיך נעמען צו דער קיך, די יונגע פלעגט רייזעלען דערלאַנ־גען אַ גוטן, נאַרהאַפטן פרישטיק אויף אַ טאַץ — פאַר־שפּרייט מיט אַ ווייַס געהאָפטן טישטעכל — אין בעט אַרייַן, און פלעגט נאָך דעם זיך נעמען צום רוימען די גרויסע געראַמע שטוב. רייזעלע האָט קיין מאָל נישט געהערט ווען בערל פלעגט אויפשטיין, זיך אָנטאָן, עפענען די טיר פונעם שלאָפצימער און אַרויסגיין — אַזוי שטיל און פאַר־זיכטיק פלעגט ער עס טאָן — כּדי זי, רייזעלען, נישט איבער־וועקן, חלילה־וחס! און דער דינסט פלעגט ער דערמאָנען אָבער און ווידער:

— שש! שטיל! קלאַפּ נישט! שש! רייזעלע שלאָפט! שש! רייזעלע רוט!

*

אין די אָוונט־שעהען, אָדער ביי אַ שבת־זונטיק־טיי, קאַווע, צי „מאַטע", אַז רייזעלע פלעגט אים באַשענקען מיט איר היימישן ליבלעכן בליק, אַ שמייכל, פלעגט ער אַריינכאַפּן אירע ביידע גלאַטע, שמאָלע הענטלעך אין זיינע ברייטע פעסטע הענט מיט אַזאַ גליקזעליקייט און דאַנקבאַרקייט, ווי זי וואָלט אים געשאָנקען דעם גרעסטן אוצר און מיט אַ פלאַמיקער ליבשאַפט — גלייך ווי ס'ערשטע מאָל, אויסקושן אירע גלידער און אַריינקוקן אין אירע אויגן מיט געבעט:

— רייזעלע, וואָלסט אפשר עפּעס געוואָלט? איך רעכן פאָרן נאָך סחורה קיין בוענאָס־איירעס קומענדיקע וואָך, און אַזוי ווי דיר ווילט זיך נישט דאָס מאָל מיטפאָרן, איז בעט איך דיך, זאָג מיר: וואָס זאָל איך דיר ברענגען? שעם זיך נישט? בעט! בעט דאָס שענסטע! דאָס בעסטע! דאָס טייערסטע!...

אין אַ טאָג האָבן די שכנים פאַרחידושט דערזען, אַז ביי בערלען אויפן לאַנגן, ברייטן הויף אַרבעטן עטלעכע אַרבעטערס מיט גרויס אימפּעט — מ'גרייט עפּעס אַ פּירקאַנטיקע טיפע גרוב:

— וואָס זאָל עס זיין? אַ ברונעם? ער האָט דאָך אַן „אַלכיבע" כּמעט לעם דער קיך, וווהין עס פלייצט אַריין אויך רעגן־וואַסער, גלייך פון גרויסן דאַך אַראָפּ און זייער וואַסער איז שטענדיק פריש און געשמאַק, אַ מחיה צו טרינקען.

די נייגעריקע האָבן זיך קוים דערוואַרט, אַז בערל זאָל זיך אויף אַ ווײַלע אַרויסכאַפּן פון קראָם אַ קוק צו טאָן

— און געבן אָנוויַיזונגען ווי אַזוי פאָרצוזעצן די אַרבעט — וואָס זיי טוען עס צום ערשטן מאָל דאָ.

— בערנאַרדאָ, — האָט מען אים אַ פרעג געטאָן, פון אַלע זיַיטן, הינטערן פלויט — וואָס וועט דאָס זיַין?

— אַ שווימבאַסיין!

— אַ וואָאַס?

— יאָ, יאָ, וואָס איר הערט! — האָט בערל געשמייכלט צו זיי אַ שטאָלצער פון זיַין איַינפאַל. ס'וועט זיַין דער ערשטער שווימבאַסיין אין אונדזער גאַנצער געגנט! און רייזעלע, די קינדערלעך און איך וועלן זיך קענען באָדן אין די הייסע זומערטעג — ווען נאָר ס'וועט זיך פאַרגלוסטן — נישט דאַרפן וואַרטן חדשים לאַנג, ביז מ'וועט קענען פאָרן צום ים — וואָס איז אַזוי וויַיט פון דאַנען...

— ווו וועט איר נעמען אַזוי פיל וואַסער אָנצופילן דעם באַסיין?

— כ'וועל אַוועקשטעלן אַ פּאָמפּע, צוויי — און ס'וועט זיך אָנפּאָמפּען! וויַיל יעדע וואָך מוז מען בײַטן דאָס וואַסער — עס זאָל זיַין ריין און פריש.

— ס'וועט דאָך אָפּקאָסטן אַ מאַיאָנטעק!!...

— נו, דערויף אַרבעט איך! כּל־זמן מ'לעבט דאַרף מען זיך פאַרלײַכטערן און שעפן וואָס מער פאַרגעניגן! איבער הויפּט דאָ ביַי אונדז, ווו ס'הערשט אַזאַ טרוקענע היץ אין משך פון מאָנאַטן לאַנג — איז עס זייער נייטיק!

— מנאַ! האָבן מענטשן געהויבן די אַקסלען — פאַר אירט וועגן, פאַר רייזעלען, איז ער שוין אין גאַנצן משוגע...

מ'האָט פאַרענדיקט דעם באַסיין, אויסגעפלאַסטערט מיט בלויען מירמלשטיין, אַזוי אַז דאָס וואַסער האָט זיך דורכ־געלויכטן בלוילעך. דער ערד־שטח אַרום איז געוואָרן פאַר־זייט מיט דינע גרינע גרעזעלעך, ווי אַ גרין געדיכטע ראָם

אַרום באַסיין. מ׳האָט אויפגעבויט אַ הויכן ציגלפלויט — קיינער זאָל פון דרויסן נישט קענען זען ווען רייזעלע באָדט זיך — און אַרום דעם צאַם פון אינעווייניק פאַרפלאַנצט הויכע בלומענשטאַנגען און פאַרשידענע געוויקסן מיט גרויסע ברייטע בלעטער! — אויף וועלכע אַ גערטנער פלעגט אַכטונג געבן.

— אָ! ס׳אַ פאַרגעניגן! — האָט זיך רייזעלע געטאָן אַ וואָרף אין וואַסער אַריַין, זיך געבאָדן, זיך געשפּילט מיט די קינדערלעך אַלע מאָל — און זיך געפּילט אַליין ווי אַ קליין קינד! אָ! ווי ס׳קילט אָפּ! אָ! ס׳אַ מחיה!

— בערעלע, דו ווייסט גאָרנישט ווי דאַנקבאַר איך בין דיר פאַר דעם! — האָט זי געטאָן אַ שמייכל אַרויף צו אים — וואָס איז געשטאַנען בײַם ראַנד — אויף אַ מינוט אַרויס פון קראָם — צו שעפּן נחת פון זײַן משפּחהלע.

— באָדט זיך, קינדערלעך! שפּילט זיך! געזונטערהייט!

— האָט בערל אָנגעקוואָלן פון פרייד און דערבײַ באַוווּנדערט צום וויפלסטן מאָל רייזעלעס פּערפעקטע פיגור אינעם פאַרביקן, שיינעם באָדקאָסטיום.

*

טאַטע־מאַמע האָבן געשעפּט פולע עמערס מיט נחת און הנאה פון די קינדער!

— אַזאַ פול גליק! אַפילו אַ שווימבאַסיין, וואָס מ׳זעט עס נישט בײַ קיינעם! רבונו־של־עולם! — האָט די מאַמע כסדר געפּליסטערט און דערבײַ געציטערט — עס זאָל זיי נאָר נישט פאַרשטערט ווערן! — אונדזער טאָכטער האָט דאָך אָן עין־הרע — פון אַל דאָס גוטס! און נאָך אַזאַ גוטער מאַן ווי „אונדזער בערל” איז אויף דער וועלט נישט פאַראַן!

— אמת, — האָט נחמן מיט איר אײַנגעשטימט, — זי

זאָל נאָר וויסן ווי זיך אויפצופירן, אונדזער יונגע ציג!

נאָר זי, די אַלטעביילע, מיט אירע יונגע גרין־בלויע אויגן האָט עפּעס פּאָרט געהאַט באַמערקט די לעצטע צײַט אין דער טאָכטערס פאַרנעפּלטע, פאַרחלומטע בליקן — אַ נישט־געשטילטע דורשטיקייט נאָך עפּעס — זי וויס אַליין נישט וואָס ——

— טאָכטערל, — האָט זי געפּרוווט מיט מאַמע־געניט־שאַפט, אויפעפענען דאָס פאַרהוילענע טירעלע... — זאָג מיר, מײַן קינד, צי פעלט דיר נאָך עפּעס?

— אויבן אויף — גאָרנישט, אַדרבא, פאַרקערט: איך האָב אפשר צו פיל...

— פע! מ'טאָר אַזוי נישט רעדן! וואָס דו האָסט צו פיל איז — צײַט! צו פיל פרײַע צײַט! זעסט דאָך, איך בין קיין מאָל פריִער קיין שוסטערקע נישט געווען, נישט מײַן טאַטע, קיינער נישט אין מײַן משפחה — אָבער אַז דו ביסט אונטערגעוואָקסן, ביסט אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיטן לערנען איןביידע שולעס, אין דער שפּאַנישער אין דער פרי, אין דער יִדישער נאָך מיטאָג — האָב איך זיך באַטראַכט: וואָס װעל איך זיך אַרומדרייען פּוסט־און־פּאַס, האָב איך זיך צוגעזעצט צו מײַן מאַנס וואַרשטאַט און — איך האָב זיך אויסגעלערנט די נײַע מלאכה. ס'איז אַ סך אינטערעסאַנטער אַז מ'איז שטאַרק פאַרנומען.

— פון אָנהייב האָט מיך בערל נישט געלאָזט כ'זאָל אים צוהעלפן אין קראָם און איצט וואָלט איך שוין סײַ ווי נישט געהאַט צו דעם קיין געדולד.

— יאָ, איך זע שוין, טאָכטערל מײַנס, דו האָסט צו גאָר־נישט קיין געדולד, אַפילו נישט צו די קינדערלעך, וואָס זײ זענען אַזעלכע ברילִיאַנטן. טאָכטערקע, געדענק, מ'מוז זיך נעמען אין די הענט אַרײַן! אין דײַן צעבליטער יונגשאַפט,

מיט דײַן אויסזען! און אַז דו האָסט נאָך פאַר אַ צולאָג אַזוי פיל איבעריקע צײַט — מוז מען זײַן זייער פאָרזיכ־טיק! נעם זיך אַרײַן מײַנע רייד אין דײַן האַרץ און מוח, מײַן קינד: אויף אַזעלכע ווי דו לויערן אַ סך סכּנות! גיב זיך נישט איבער צו קיין פוסטע פאַנטאַזיעס, שאָץ אָפּ דײַן אמתן גליק, דײַן טײַערן מאַן, דײַנע גראָטענע טעכטערלעך, דײַן זאַטע, זיסע היים!...

— מאַמעלע, רעד נישט מער אַזוי! — האָט זיך רייזעלע פונאַנדערגעכליפּעט און אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויף דער מאַמעס ברוסט, פאַרשטעלט איר דאָס מויל מיט איר לינ־קער האַנט און די רעכטע צוגעדריקט צו איר האַסטיק קלאַפּנדיקן האַרץ.

— יאָ, יאָ מאַמעלע, איך ווייס. איך ווייס אַז מיר איז זייער גוט. נישט איין שיין ווײַבל איז מיר מקנא. איז פאַר וואָס טוט מיר דאָ, דאָ — האָט זיך רייזעלע געהאַקט אין איר האַרצן — אַזוי שטאַרק ווי?...

— יאָ, איך האָב פון אַלצדינג, אָבער מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך האָב גאָרנישט! מיר פעלט דער עיקר! איך פיל דאָ אַזאַ ציִעניש, אַ קלעמעניש, אַ פוסטעניש, אַז מיר קומט פאָר אַז איך... אַז מיר פעלט און פעלט פון אַלצדינג!.. מיר פעלט דער זין און זאַפט פון לעבן: ליבשאַפט...

— מײַן קינד, — האָט די מאַמע איר אַרײַנגעפלאָכטן אין אירע אָרעמס און אירע ברייטע האַנטפלאַכן האָבן זיך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ איבער רייזעלעס פלייצע מיט גלעטנ־דיקע צאַרטע פעטשעלעך, — מײַן קינד, עס מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ צײַט, איבער הויפט בײַ גאָר יונגינקע ווײַבעלעך, אַזאַ איבערגאַנגס־צײַט, ווען מ׳ווייס אַליין נישט וואָס מען וויל. אָט ווײַזט זיך אויס: איך וויל אָט דאָס! און מיט אַ מאָל, שוין גאָר עפּעס אַנדערש — דאָס און יענץ, ווייסעד

וואָס... דו לאָז זיך נאָר נישט אַרײַננאַרן אין דער נעץ פון דײַנע פּוסטע אויסדאַכטענישן — און עס וועט אַריבער... וועסט זען, מײַן אוצרל — ס׳וועט ווידער זײַן גוט.

— הלוואַי, מאַמעניו! הלוואַי! — האָט רייזעלע שוואַך געאָטעמט און אַרײַנגעטוליעט איר קאָפּ, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף דער מאַמעס ברוסט, און מיט אירע ביידע אָרעמס האָט זי אַרומגענומען דער מאַמעס האַלדז און נאַקן, זיך קלאַמערנדיק אין איר, ווי זוכנדיק אַ שוץ קעגן אַן אומ־פאַרמײַדלעך אָנקומענדיקן שטורעם...

— — — — — — — — — — — — — —

מאַכט זיך, אַז פּונקט יענער צײַט קומט אַראָפּ פון דער הויפּטשטאָט בוענאָס־אײַרעס אַ יונגער דענטיסט, ד״ר לעאָ פײַערמאַן, און ער עפנט אויף אַ קאָנסולטאָריע אין סאַמע צענטער פון שטעטל, אויף דער ערשטער, נאָר וואָס אַספאַל־טירטער, ברייטער הויפּטגאַס, אײַנגעאָרדנט מיט דעם בעסטן געשמאַק און דעם גרעסטן קאָמפאָרט, אויסגעשטאַט מיט די נײַסטע מאָדערנסטע מעדיצינישע אַפּאַראַטן.

ער באַקומט באַלד אַ גוטן נאָמען ווי אַ גרויסער מומחה, אַ ציין־ספּעציאַליסט, און אַלע באַקוועמע, ווייך געבעטע בענקלעך אין זײַן לוקסוס־וואַרטזאַל ווערן באַזעצט מיט וואַרטנדיקע פּאַציענטן, וועלכע זיצן געדולדיק, וואַרטנדיק אויף זייער ריי. בלעטערן זיי בעת־מעשׂה די פאַרשידנאַר־טיקע אינטערעסאַנטע זשורנאַלן, וועלכע קומען אָן כסדר צום ד״ר לעאָ פײַערמאַן פון דער הויפּטשטאָט און אַפילו פון אויסלאַנד.

אויסער דעם וואָס ער האָט זיך גיך דערוואָרבן אַ זייער גוטן נאָמען ווי אַ ציינדאָקטער, איז ער אויך געוואָרן באַ־ליבט בײַ די פּאַציענטן, מחמת אַ הויכן פּרײַז פלעגט ער

נעמען נאָר בײַ די פֿאַרמעגלעכע לײַט, בײַ די מיטל־מעסיקע אַ סך ווינציקער, און די אָרעמע געהײלט אין גאַנצן אומזיסט און נאָך געגעבן זײ רפֿואות אומזיסט, אַפֿילו צו אַנדערע שוואַכקײטן — פֿון זײַן שענקל מיט מעדיצין־מוסטערן — וואָס די דאָקטוירים פֿלעגן באַקומען פֿון די לאַבאָראַטאָריעס לשם פּראָפּאַגאַנדע.

אַזוי אַז גאָר גיך איז זײַן גראַמער וואַרטזאַל געוואָרן צו קלײן, פּאַציענטן פֿלעגן שוין דאַרפֿן בלײַבן שטײן — נישט געהאַט ווּ צו זיצן. און דער דאָקטער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן קאַרטלעך מיט פֿאָרויס באַשטימטע שעהען ווען צו קומען, אויפֿן גרויסשטאָטישן שטײגער, מ׳זאָל נישט דאַרפֿן פּטרן צײַט אויף זיצן און וואַרטן שעהען לאַנג אויף דער מזלדיקער רײ...

— פֿאַר וואָס גײסטו נישט צו מיט אַ וויזיט צום נײַעם צײנדאָקטער? — האָט זיך אין אַ טאָג בערל געוואָנדן צו רײזעלען — איך הער ווי אַלע רעדן וועגן אים, די קונים וואָס קומען אין קראָם לויבן אים שטאַרק...

— צו וואָס זאָל איך גײן צו אים? — האָט רײזעלע געלאַכט — נאַ, זע, איך האָב דען קראַנקע צײן?

— זאָל גאָט אויסהיטן! — האָט בערל אַ צאַפּל געטאָן — זײַ נישט קײן קינד! אַ צאָן, אַז מען זעט שוין אויף אים אַ פֿלעק, אַ לעכל, אַז ס׳הײבט אָן וויי צו טאָן, איז שוין אָפֿט מאָל צו שפּעט און מ׳מוז אים שוין חלילה אַרויסרײַסן... זיך אונטערזוכן בײַ אַ גוטן ספּעציאַליסט שאַדט קײן מאָל נישט, און דײַנע שײנע צײנדעלעך מוז מען פֿאַרהיטן פֿון פֿאָרויס און באַצײַטנס! איך רעכן אויך, ווען כ׳וועל נאָר האָבן צײַט, באַשטעלן בײַ אים אַ וויזיט. לײג נישט אָפּ, רײזעלע, פֿרעג זיך אָן תּיכּף און באַשטעל אַ שעה.

*

ד״ר לעאָ איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער, שיינער ברונעט און זײַנע שוואַרצע, קלוגע אויגן האָבן זי אַדורכגענומען ווי מיט רענטגענשטראַלן.

— ווי איז אײַער נאָמען? — האָט ער זיך נישט געאײַלט אַרויסצולאָזן איר האַנט פון זײַנער און זײַנע פולע, פרישע ליפּן זענען געבליבן צעעפנט פון גרויס באַוווּנדערונג.

— אַ־אַ! — האָט ער עטוואָס צוגעבויגן זײַן שיינעם, גלאַט פאַרקעמטן קאָפּ אַראָפּ צו איר נענטער — אַ־אַ! איר זענט פרײַלין רייזעלע.

— נישט פרײַלין, נאָר פרוי! — האָט רייזעלע אַרויסגע־שאָסן מיט אַ טראָציקן צו להכעיס. און כּדי ער זאָל נישט וואַגן צו בויערן טיפער מיט זײַנע צודרינגלעכע בליקן האָט זי באַלד צוגעגעבן: און איך בין שוין אַ מאַמע פון צוויי טעכטערלעך!...

— אָ! ווי וווּנדערלעך! ביטע! זיצט! דערלויבט מיר אײַך צו רופן מיטן נאָמען, פּשוט: רייזעלע! איר זענט דאָך נאָך אַזוי יונג! ייִנגער פון מיר! אַ סך! איז ווען האָט איר חתונה געהאַט — אפשר צו פּופּצן, זעכצן יאָר, האַ? נישט אמת?

— אוהום! — האָט רייזעלע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אירע גרינלעך־בלויע אויגן האָבן זיך שטיפעריש צע־לאַכט — „ס'אַ חכם! ער פרעגט, בעת ער ווייס אַז איך קען נישט ענטפערן במילא, ווען זײַן מעטאַלענער אַפּאַראַט האָט פאַרקוועטשט מײַן צונג...״

— אַזאַ ליכטיק יונג מאַמעלע זע איך ס'ערשטע מאָל... טוט וויי? — האָט ער מיטן צווענגל לײַכט אָנגעקלאַפּט אַ צאָן נאָך אַ צאָן.

— ניין! — האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, ס'הייסט: ס'טוט נישט וויי.

— זיכער, אַזעלכע צייגדעלעך, ווי די אמתע אויסגעשלי־פענע פּערעלעך, קענען נישט און טאָרן נישט וויי טאָן — און נישט קאַליע ווערן — קיין מאָל נישט!

באַלד איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי אומאַנטשלאָסן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אין אַ גרויסער פּאַרלעגנהייט, זוכנדיק אַן עצה, אַ פּאַסיקן אויסגאַנג — דערבײַ האָבן זײַנע שוואַרצע, ברענענדיקע בליקן געפּרוּווט זיך צו פּאַרטיפן אין אירע ביידע גרין־בלויע, מיט אַ שמייכל באַזוניקטע אויגן, אין וועלכע ער האָט דערזען גליִען אַ פּאַרהוילענעם פײַערל...

ד"ר לעאָ האָט אָנגענומען איר האַנט צום געזעגענען זיך, און דער מאַגנעט פון זײַן צוציִענדיקן שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זײַנע שפּיץ פינגער און אין זײַן קול:

— ריי־זע־לע! ווי זעלטן שיין צוגעפּאַסט צו אײַך איז אָט דער נאָמען! מ'דאַרף באַגריסן אײַערע עלטערן! אַזוי אָ צוטרעפן איז אַ זעלטנהייט! אַ פּנים אַז זיי האָבן שוין פאָרויסגעפילט, אַז איר וועט אויפבליִען ווי אַ ריכטיקע רויז...

— רייזעלע, איר ווייסט? — האָט ער צאַרט אַ גלעט געטאָן איר האַנט־אויבערפלאַך — איך האָב דאָס געפיל אַז מיר קענען זיך שוין פון זייער לאַנג... איר — אויך?

— יאָ, — האָט זיך דאָס וואָרט געטאָן אַ גליטש אַרויס פון איר מויל נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, צי ס'איז טאַקטיש פון איר זײַט; דערבײַ האָט זי זיך צוגעשפּילעט דעם אייבערשטן לעצטן קנעפּל פון איר בלוזע — כּדי ער זאָל נישט דערזען ווי האַסטיק עס קלאַפּט און

הייבט זיך איר האַרץ — און אַ היץ־כוואַליע האָט אַרויס־געזעצט אויף איר פּנים.

— נו, אויב אַזוי, רייזעלע, אויף וועלכן טאָג, וואָסער שעה זאָל איך פאַרשרײַבן אײַער קומענדיקן וויזיט אין מײַן קאָנ־סולטאָריע? ווען איז אײַך באַקוועם צו קומען אַהער?

רייזעלע האָט אויפגעהויבן צו אים אַ פאַרחידושטן, פרע־גנדיקן בליק...

— יאָ! פאַר וואָס נישט? מיט קראַנקע ציין וואָלט איר דאָך זיכער געקומען, איז פאַר וואָס זאָל איך נישט האָבן דאָס פאַרגעניגן אײַך צו זען דאָ — מיט אײַערע שיינע, גע־זונטע ציינדלעך?

— איך... ע... איך ווייס נישט צי איך וועל קענען! — האָט רייזעלע געשטאַמלט אַ פאַרלוירענע.

— רייזעלע! — האָט ער אונטערגעשטראָכן און אַרויפ־געסילעט אויף זײַן אויסגעצויגענעם קול אַיעדן זילב באַזונ־דער — ריי־זע־לע, כּדי אָנצוקוקן בלויז פון אַלע רייזעלעך די שענסטע רויז, אַזאַ צויבערבלום, וואָס דערפרייט אַלע אַרום.

— אָ, — האָט זיך רייזעלע צעלאַכט, — איר זענט אויך אַ פּאָעט?

— אין יעדן פון אונדז, אין אַ ווינקעלע פון דער נשמה, ליגט פאַרדרעמלט אַ פּאָעטיש געפיל, אַזאַ פאַרהוילענע בענקשאַפט וואָס גאַרט און וואַרט אויפן גליקלעכן, צײַטיקן מאָמענט, אין אַ נײַ אויסדערוויילטער פאַרב און פאָרעם, אַז אָט דער נס זאָל געשען — וואָס מאַכט פולסירן האַסטי־קער אונדזער בלוט אין יעדן קעמערל פון לײַב...

— אָ! ווי אינטערעסאַנט! דאָס איז דאָך!... — האָט רייזעלע אַ פאַרגאַפטע געשלונגען זײַנע ווערטער און אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פינקלדיקן טוי...

— איך פאַרשרײַב אײַך, רייזעלע — האָט ד״ר לעאָ זיך צוגעאײַלט דערזעענדיק איר אַנטציקונג — אויפן קומענדיקן דינסטיק, די זעלבע שעה, גוט? ס׳קאָן הייסן אַז — אַז, יאָ, אַז איר קומט זיך היילן די ציין... לאָמיר זאָגן: אַ גרינט־לעכע רייניקונג. דאָס באַדאַרף יעדער איינער אַדורכמאַכן פון צײַט צו צײַט...

*

רייזעלע איז אַרײַן אין שטוב אַ פאַרפלאָמטע, אַרײַנ־טענצלענדיק מיט מונטערע טריטלעך:

— נו?! — איז איר בערל אַקעגנגעלאָפן שוין אַ באַזאָרג־טער (ער האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעכאַפּט פון אַ פּולער קראָם מיט קונים, נאָך גוט וואָס דאָס געשעפט איז בײַ דער זײַט פון זייער וווינונג) ער איז שוין געווען אומרויִק: ווער ווייס וואָס פאַר אַ דיאַגנאָז דער דאָקטער וועט אַרויסשטעלן וועגן זײַן רייזעלעס עקזאַמינירטן מויל מיט ציין?

— קודם־כּל וועט מען דאַרפן גוט אויסרייניקן אַרום די יאַסלעס, ווײַל ווי ס׳ווײַזט אויס וועט מען אפשר דאַרפן בלאָמבירן אַ פּאָר ציין — האָט רייזעלע געענטפערט מיט איין אָטעם און אַרײַנגעלאָפן אין באָדצימער זיך אָפּצושווענ־קען דאָס פּנים אונטערן קראַן מיט קאַלט וואַסער, כּדי בערל זאָל נישט באַמערקן די נישט־געוויינטלעכע רויטקייט אויף אירע ביידע באַקן.

— בלאָמבירן?! — האָט זיך בערל איבערגעשראָקן, ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג און שוין האָסטו קאַליע ציין? זאָג מיר דעם אמת, רייזעלע, אָבער כאָטשבי נישט קיין פאָדערשטע ציין?

— ניין ניין! דוכט זיך פון די לעצטע באַקציין — איז

רייזעלען געוואָרן נאָך הייסער און זי איז ווידער אַרײַן אין באָדצימער זיך אָפּקילן מיט אַ קאַלטן טוש.

*

בערל האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער איבער דער גרויסער שטוב, צום ערשטן מאָל אַזוי נערוועז ביז ער האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז ענדלעך איז רייזעלע אַרויס פון באָדצימער אײַנגעהילט אין אַ באָדמאַנטל.

— נו, גאָט צו דאַנקען, רייזעלע! — האָט ער זי אַרומגענומען און אַרײַנגעקוקט אין אירע אויגן פול מיט טרייסט און טרײַשאַפט — אַבי נישט די פאָדערשטע ציין. און ס'וועט זיך נישט אָנזען אַפילו... מיר האָבן פאַרכאַפּט אין צײַט... זעסטו שוין, מײַן זיסע מאַמעלע, אַז איך בין געווען גערעכט און מ'דאַרף שטענדיק פאָלגן דעם מאַנעלע... האַ? איך מוז שוין לויפן צוריק אין קראָם אַרײַן — אַ נישט וועלן זיי, די לאַפּאַצאַנעס... הע־הע! איך האָב שוין נאָך אַ פּאָר נײַע פאַרקויפערס, מ'דאַרף אויף זיי גוט אַכטונג געבן, ביז זיי לערנען זיך אויס צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון די פאַרשידענע שטאָפן — און דער עיקר: וואָס מ'דאַרף די קליענטן באַזונדער פאָרלייגן; ביז זיי וועלן ווערן מבינים — דערווײַלע קענען זיי אָנמאַכן אַ חורבן — כאַ־כאַ! טשאַ־אָ, רייזעלע! ביז שפּעטער, מײַן אוצרל! — און ער האָט איר געגעבן אַ קוש און זיך צוגעדריקט צו אירע גלאַטע ראָזע בעקעלעך מיט זײַנע רויטלעכע שטעכיקע באַקן, וועלכע פאַלדעווען זיך שוין אַראָפּ צו, צו זײַן נידעריקן קורצן האַלדז־און־נאַקן...

— וואָס פאַר אַ פאַרגלײַך? — האָט זיך באַלד נאָך בערלס אַוועקגיין פאַר רייזעלעס אויגן געגעבן אַ צי אויס און אַ שטעל אַוועק, הינטער איר מאַן, ד״ר לעאָס פעסט און הויך אַטלעטיש געשטאַלט, און אַריבער בערלס קאָפּ מיטן פליך

אין דער מיט האָט זיך אַרויסגעהויבן דאָס פּנים פון דאָק־טער, מיט זײַנע שיינע גלײַכמעסיקע מענערשטריכן. און זײַנע אויגן...

— מאַמע! — האָט זיך רייזעלע אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַרײַן מיט אַ כאָרכל־געוויין — מאַמע! געוואַלד! וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר?! דו און דער טאַטע?! איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג! אַזוי יונג! מײַנע חברטעס בושעווען נאָך אַרום אויף די בעלער, זיי פלאַטערן נאָך אַרום ווי די פרײַע פייגעלעך... פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט איר אונטער־געהאַקט מײַן יונג לעבן?! וויי־וויי! אָ, ווען איך וואָלט נאָך נישט געווען איצט אַ חתונה געהאַטע! — וואָלט דאָך ד"ר לעאָ געוואָרן מײַן אמתער באַשערטער! אַ־אַ! וואָס פאַר אַ וווּנדערפאָר מיר ביידע וואָלטן געווען! גוואַלד! וואָס טוט מען איצט? גוואַלד! מאַמע! טאַטע! — ראַטע־וועט!!!

— — — — — — — — — — — — — —

יענע נאַכט, נאָך דעם ווי רייזעלע איז אָפּגעלעגן עטלעכע שעה אַ גלײַענדיקע, ווי אין הויכן פיבער, נישט קענענדיק אײַנשלאָפן, האָט זי זיך מיט אימפּעט געטאָן אַ זעץ־אויף און זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם ווייך אויסגעבעטן צוקאָפּנס פון זייער לוקסוס־בעט. פאַרזיכטיק, נישט צו טאָן דעם מינדסטן שאָרך, אַז ער, בערל, זאָל זיך נישט איבערוועקן.

זי איז געזעסן אויפן סאַמע ראַנד פון זייערברייטן דאָפּל־בעט, און ער, איר מאַן, איז געלעגן בײַ דעם צווייטן ברעג, אײַנגעזונקען אין אַ געשמאַקן, טיפן שלאָף. רייזעלע האָט צוגעדריקט מיט אירע ביידע הענט איר קאָפּ בײַ די שלייפן, וועלכע האָבן בײַ איר געהאַקט נאָכאַנאַנד, נאָך הילכיקער ווי איר טאַטנס שוסטער־האַמער...

— איך מוז איצט האָבן אַ זייער הויכע טעמפּעראַטור?

— האָט זי מיט אירע האַנטפלאַכן געפּרוּווט קילן איר הייסן פּנים. זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט, אַראָפּצוגיין נאָך אַ טערמאָמעטער, ווײַל טאָמער כאַפּט ער זיך אויף און ער הייבט זי אָן צו קושן — חלשט זי אַוועק!... בררר!...

פאַרן שײַן פון נאַכטלעמפּעלע האָט רייזעלע ערשט איצט דערזען:

— וואָס פאַר אַ גרויס מיאוס מויל בערל האָט! בײַ די ווינקלען פון זײַנע דיקע, ווי אַרויסגעקאַטשעטע אויף דער זײַט לויזע ליפּן — האָט אַרויסגעזעצט אַזאַ מין וואַסערל — ווי אַ ווײַסלעכער גאַווער...

— בררר! — האָט רייזעלע אַ צאַפּל געטאָן — דעריבער, דערפיל איך אַלע מאָל, ווען ער קושט מיך, אַזאַ גליטשיק שפּריציקע שפּײַעכץ, און עס ווערט מיר אַזוי איבלדיק! בררר!...

— פוי! עס זעט דאָך אויס אַצינד זײַן מויל אַזוי ווי בײַ אַ זשאַבע...

— גאָט! שטראָף מיך נישט פאַר מײַן מיאוסער מחשבה!

— האָט זיך רייזעלע פּלוצעם דערשראָקן פאַר איר שרעק־לעכן פאַרגלײַך, — נאָך גוט וואָס קיינער זעט נישט וואָס איך טראַכט, ער איז דאָך פאָרט מײַן געטרײַער מאַן! דער געטרײַסטער! דער טאַטע פון מײַנע קינדערלעך! ווי אַזוי בין איך עס דעמאָלט געווען אַזוי לײַכטזיניק און נאָכגעגעבן מײַנע עלטערן? מסכּים געווען אויפן שידוך? נאָך אַ גליק איז וואָס די מיידעלעך זענען נישט געראָטן אין אים... זיי וואָלטן דאָך חלילה געווען פאַרזעעניש...

רייזעלע איז געזעסן און געקוקט קעגן איבער אויף איר מאַן מיט אירע רויט צעצונדענע אויגן פון מידקייט און

שלאָפלאָזיקייט, און ס'האָט איר אָנגעכאַפּט אַזאַ ווילדער כּעס:

— ווי קען עס אַ מענטש שלאָפן אַזוי געשמאַק בעת איך פּייַניק זיך אין ווייטיק־יסורים?! ווי אַזוי קען ער עס ליגן אַזוי פאַרזונקען אין שלאָף, געניסן פון אַזאַ פולער, צופרי־דענער רויִקייט און זעטיקייט בעת אין מיר שטורעמט אַ הוראַגאַן? אַ הונגער־הוראַגאַן!... מאַטערן אים גאָרנישט קיין בייזע מחשבות? קיין וויסטע חלומות? פילט ער גאָר־נישט דעם אָנקום פון אַ קנויליק־שוואַרצער זאַווערוכע — אַן איבערקערעניש?!...

— זע נאָר, אַזאַ געזונטער קערל! ווי ער פּאָפּט און שנאָרכעט! ער כראָפּעט דאָך ווי אַ זעג אין אַ טאַרטאַק, ווי מען צעזעגט די גראָבע קלעצער אויף ברעטער! ער צעזעגט מיר מייַנע נערוון! גוואַלד! איך קען עס מער נישט אַרי־בערטראָגן! מאַמע! מאַ!!...

און רייזעלע האָט זיך קוים אייַנגעהאַלטן, נישט אַראָפּ־צושפּרינגען פון בעט און נעמען טופּען מיט די פיס און טרייסלען אים פאַרן פעסטן קופּערקאַרק:

„שטיי אויף! ווי וואַגסטו צו כראָפּען ווי אַ בלאָזזאַק, בעת איך קען קיין אויג נישט צוטאָן?!"

„שטיי אויף! איך פיבער! איך ברען! אוי דו! פאַר וואָס האָסטו זיך אַרייַנגעריסן אין מייַן יונג לעבן! פאַר וואָס?! יעדער איינער דאַרף צופּאַסן זיך צו זייַנס גלייַכן! ווען נישט דו! דו!..."

באַלד האָט זי דערפילט ווי אַ שווייס זעצט אַרויס אויף איר גאַנצן לייַב: זי האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן: „ווייַזט אויס, די היץ האָט אָפּגעלאָזן..."

זי האָט אַ נעם געטאָן אַ ברעג לייַלעך און אַ פאַרגאַפּטע,

ווי זי וואָלט עס דערזען צום ערשטן מאָל — באַטראַכט די אויסגעהאָפטענע אוזאָרן:

— וואָס פאַר אַ שיינע בעטגעציַיג! און דאָס אָנשפּאַר פון בעט, אויסגעבעט ווייך און באַצויגן מיט ראָזיקן פּורפּור־זיַיד. עס זעט אויס אַזוי ניַי און פריש! דער קאָליר, ווי פון נאָר וואָס אויפגעבליטע רויזן. ווער האָט נאָך אַזאַ שיין אויסגעשטאַטן שלאָפצימער? ער איז דאָך געפלויגן — דער גליקלעכסטער חתן — פאַר דער חתונה, אַזש קיין בוענאָס־איַירעס דאָס צו באַשטעלן אין דעם גרעסטן געשעפט: „פאַר מיַין קעניגין!" ווי קלעפּיק זיס ער רעדט צו מיר: „רייזעלע, מיַין קעניגין!..." אָט, איך ווייס טאַקע נישט, צי אַ קעניגין שלאָפט אין אַ שענערן בעט? עס פעלט נאָר אפשר בלויז — אַ גאָלדענער באַלדאַכים?...

— יאָ, אָבער, וויפל שלאָפלאָזע נעכט איך וואַלגער זיך אָפּ, וויפל טרערן איך פאַרגיס — דאָס זעט נישט קיינער און עס טאָר נישט קיינער זען...

רייזעלע איז געבליבן זיצן באַוועגלאָז, מיט פאַרביסענע ליפּן און מיט פאַרגלאָזטע אויגן האָט זי ווידער גענומען באַקוקן איר בערלען.

זיַין שלאָף־פּיזשאַמע איז איצט געווען נאַס פון שווייס. ס'האָט איר פאַרקלעמט ביַים האַרצן און מיט אַ מאָל האָט אַ פלייץ געטאָן אין איר אַ גרויס רחמנות צו אים:

— וואָס איז ער נעבעך שולדיק? ווען מ'גיט אויף אויס־צוקליַיבן, וואָלט יעדער איינער זיך אויסגעוויילט די שענ־סטע פיגור, דעם איידלסטן פּנים, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט ער אַזאַ גוט האַרץ, אַזאַ נאָבעלע נשמה, וועלכע נייטיקט זיך נישט אין קיין שום צופּוץ און פאַרשענערונג־קאָסמע־טיק...

— מיַין געטריַיער פאַרזאָרגער! ער זעט אויס אַזוי מיד

און פאַרזאָרגט אַצינד! ווער ווייס, וואָס עס חלומט זיך אים?... — ששש! זאָל ער זיך כאָטש אויסרוען! ער אַרבעט דאָך אַזוי שווער, ענערגיש אין משך פון לאַנגן טאָג. אַלץ פאַר אונדזערט וועגן! פאַר מיר און די קינדערלעך! עס זאָל אונדז פון גאָרנישט נישט פעלן...

— אָ, זײַ מיר מוחל פאַר מײַנע פריִערדיקע פינצטערע מחשבות!... מײַן גוטער, געטרײַער בערעלע, שלאָף! שלאָף זיך אויס! דו מוזסט דאָך אַרבעטן — בלויז איך קען זיך פאַרגינען — אַ דאַנק דיר — צו ליגן מאָרגן אַפילו אַ גאַנצן טאָג אין בעט.

פון דעסטוועגן האָט זיך רייזעלע אויף מאָרגן אויפגע־כאַפּט פריִער ווי אַלע טעג און אין אַ גוטער שטימונג, זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד צו די קינדערלעך און איז אַפילו אַרײַן אין קיך צוגרייטן פאַרן מאַן זײַנס אַ באַליבטן מאכל — אויף וואָס די עלטערע דינסט האָט זיך שטאַרק געחידושט — ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער קריזיס, די שווערע קאָשמאַרנאַכט אירע האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּ־געזעצט און אײַנגעזונקען אויף שטענדיק אין אַ טיפן שליי־מיקן אָפּגרונט...

*

ס'איז געווען אַ לויטערער פרילינג־פרימאָרגן. פון דעם הינטערשטן גערטנדל, נעבן דער קיך, האָבן אַרײַנגעווייעט מחיהדיקע ריחות פון די נאָר וואָס אויפגעבליטע ביימעלעך און בלומען. דורכן צעעפנטן פענצטער האָט אַרײַנגעשײַנט אַ צעבלויטער הימל, אַ צעשמייכלטער, אַ צעשטראַלטער צו רייזעלען.

„ביסט אַ מבין? דו זעסט וויפל פרייד איך פאַרמאָג?

איך קאָן אָנטיילן דער גאַנצער וועלט! אַז פּאַר קיינעם זאָל נישט אויספעלן..."

רייזעלע איז געוואָרן איבערפולט מיט ליבשאַפט צו אַלץ און צו אַלעמען:

— טאַקע, אין דער אמתן, פאַר וואָס דאַרף איינער זיַין גליקלעך אויפן חשבון פון אַ צווייטנס ליידן? אַז סע קען סטאַיען פרייד פאַר יעדערן. ס'דאָ צו גענוג! און מיַין בערל האָט זיך אַוודאי נישט פאַרדינט אַז איך זאָל אים פאַרשאַפן עגמת־נפש. ער איז מיַין מאַן! דער טאַטע פון מיַינע צוויי גראָטענע מיידעלעך — איַי, דער סימפּאַטישער ד"ר לעאָ פיַיערמאַן, וועלכער האָט באַלד ביַי דער ערשטער צופעליקער באַגעגעניש געמאַכט אויף מיר אַזאַ צוציִענדיקן איַינדרוק — וועל איך דאָס מאָל גיין צו אים אין קאָנסול־טאָריע, אַזוי ווי מ'האָט אָפגערעדט — אַ וואָרט דאַרף זיַין הייליק — אָבער איך וועל אים מיטטיילן מיַין „איַיזערנעם באַשלוס" אַז — מער נישט! מיַין בערלען טאָר איך נישט זאָגן קיין ליגן! ער איז די ערלעכקייט אַליין, מוז איך אים באַצאָלן מיטן זעלבן באַלוין! און מיר וועלן זיך מער נישט טרעפן! ניין! סיַידן איך וועל אַ מאָל אויף אַן אמת זיך דאַרפן היילן די ציין. אָבער באַהאַלטענערהייט — הינטער מיַין מאַנס פּלייצעס — דאָס נישט! ניין און ניין!...

אויף מאָרגן איז רייזעלעס „איַיזערנער באַשלוס" געוואָרן עטוואָס ווייכער און ער האָט זיך גענומען אַ ביסעלע אויס־בייגן:

„און וואָס פאַר אַן עוולה באַגיי איך דען דערמיט וואָס כ'וועל צוגיין אויף אַ פּאָר מינוט און אַ שמועס טאָן? ווי האָט ער געזאָגט: מיט קראַנקע ציין יאָ — און מיט געזונטע נישט?... איז דען אַ חטא צו שמועסן מיט אַ פּערזאָן וואָס

איז אַזוי אָנגענעם און אינטערעסאַנט? קיינעם וועט דערפון קיין רעה נישט אַרויסקומען..."

אויף איבערמאָרגן האָט זיך רייזעלעס „אײַזערנער באַ־שלוס" נאָך מערער זיך אויסגעבויגן:

„ווען וועט עס דען שאַטן, אַז מײַנע מאָנאָטאָנע, לאַנג־ווײַליקע טעג וועלן זיך אַדורכפלעכטן מיט אַ יום־טובדיקער דערוואַרטונג אויף עטלעכע דערפרייענדיקע רגעס?..."

און אַז ס'איז ענדלעך, נאָך לאַנג זיך ציִענדיקע טעג און נעכט, נאָך שווערע געדיכטע שורות פון פוסטע קריכיקע שעהען — ענדלעך אָנגעקומען יענער דינסטיק פאַר נאַכט — און זי איז אַרײַן אין זײַן קאָנסולטאַריע און אים גע־וואָלט מיטטיילן איר „אײַזערנעם באַשלוס" — איז דער ד"ר לעאָ איר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און אויף זײַנע ליפּן אַ דופּטבלום:

— רייזעלע! — איז ער איבערגעגאַנגען אויף „דו" — מיט דײַן קומען האָסטו מיר געבראַכט די גרעסטע פרייד אין מײַן לעבן. דו קענסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי איך האָב געוואַרט אויף דיר די גאַנצע וואָך! געציילט די רגעס און געוואָרפן גורל: „דו וועסט יאָ קומען? דו וועסט נישט קומען?" און — דו ביסט געקומען!

רייזעלע האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט אַרויסזאָגן איר „אײַזערנעם באַשלוס" פון „מער נישט קומען"... נאָר אין דער סעקונדע זענען זײַנע ליפּן צוגעפאַלן צו אירע און אַ שטאַרקער ליקער האָט זיך פונאַנדערגעפלאָסן איבער אירע אַלע גלידער — און אין זײַנע שטאַרקע מאַגנעטישע אָרעמס איז איר „אײַזערנער באַשלוס", אין פלאַם פון הויכער שפּאַנונג, — צעשמאָלצן געוואָרן — זיי האָבן זיך אָפּ־געריסן פון דער ערד און צעפליגלטע פון עקסטאַז זיך גע־הויבן אַלץ העכער און העכער, אַרויף — צו דעם שפּיצבאַרג

פון גענוס, פאַרפלאָכטענע אין דער צויבערנעסט פון זידנדי־קער ליבשאַפט...

רייזעלע האָט אָנגעהויבן גיין צום ד״ר לעאָ פייערמאַן אַלץ אָפטער און אָפטער, פריִער איין מאָל אַ וואָך, נאָכער צוויי, דריי און פיר. אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן אויסרייד: ,,די ראַדיאָגראַפיע פון די ציין איז עפּעס אַרויס פאַרטושט״... ,,מ׳דאַרף מאַכן פון דאָס ניי״... ,,ס׳זענען ,אַנטדעקט׳ גע־וואָרן נאָך קראַנקע ציין, וועלכע מ׳האָט פריִער נישט גע־האַט באַמערקט... צוליב אַ טעות ,פאַרזען׳...״ וכדומה.

אַלע שׂכלדיקע, לאָגישע באַשלוסן, וועלכע זי האָט געהאַט אָנגענומען ביי זיך אין דער היים, יעדער חשבון און סך־הכּל פון איר פאַרפלאָנטערטן מצב — האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז זי האָט אַריבערגעשפּרייזט ד״ר לעאָס וואַרטזאַל צו זיינע אינעוויייניקסטע חדרים — ביי זיין ערשטן באַריר האָט זיך איר ווידערשטאַנד אין גאַנצן אויפגעלייזט — איר מאַרך און געהירן, אַלע אירע פאַרבאָרגענע אימפּולסן זענען אָנגעצונדן געוואָרן פון אַ שטאַרקן עלעקטרישן הויכ־שטראָם, וואָס איז זיך צעפלאָסן און פאַרגאָסן אַלע צעלן פון איר לייב און לעבן...

— לעאָ — האָט רייזעלע געפּליסטערט קוים הערבאַר, ווי אַ פאַרחלשטע — פאַרוויג מיך אין דיינע אָרעמס אויף אייביק! איך — איך וויל זיך מער קיין מאָל נישט אויפ־כאַפּן!

— ניין, מיין קינד! אויפכאַפּן זיך — מוז מען. אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן! און אָט דאָס מיילעכל וואָס רעדט אַזעלכע ווילדע רייד מוז מען באַשטראָפן! נאַ! נאַ! נאַ דיר דערפאַר! — און ער האָט נאָך הייסער איר געקושט מיט

זייַנע פרישע, זאַפטיקע ליפּן פון וועלכע ס'איז גערונען ברע־נענדיקער ראָם!...

— אָבער, זאָג מיר, לעאָ, פאַר וואָס איז דאָס קוים דער־גרייכבאַרע גליק אַזוי קורץ, און אײַלט זיך אַזוי שנעל אַוועק? — האָט רייזעלע אַרויסגעזיפּצט צווישן איין קוש און אַ צווייטן — פאַר וואָס?

— מיר ביידע וועלן עס פאַרלענגערן, ווען מיר וועלן זיך שוין פאַראייניקן אויף שטענדיק, אויף אייביק — האָבן זייַנע ליפּן ווידער פייַערדיק פאַרזיגלט איר מויל.

טייל מאָל, בעת רייזעלע פלעגט זייַן מיט אים, פלעגט זי אויספאַנטאַזירן, אַז ס'האָט פּלוצעם אויפגעציטערט און זיך געשפּאָלטן די ערד... עס מבולט נאָכאַנאַנד... די גאַנצע וועלט גייט אונטער, און עס בלייַבן איבער נאָר זיי ביידע. זיי ראַטעווען זיך ערגעץ ווו אויף אַ שפּיץ פון אַ הויכן פעלדז — וווּהין ער טראָגט איר אַוועק אויף זייַנע אָדלער־אָרעמס, אין אַן אויסגעהוילעטער הייל, צווישן די שפּאַלטן פון אַ פאַרבליבענעם באַרג — און קיינער שטערט זיי נישט מער...

— און מייַנע טעכטערלעך? — פלעגט אַ ציטער טאָן איר מאַמע־האַרץ — און מייַנע טאַטע־מאַמע? און דער געטרייַ־ער בערל נעבעך? — נאָר באַלד פלעגן אירע משפחה־געפילן זיך צעגיין אין אַ רויכיקן נעפּל און ווערן פאַרגאָסן ווי מיט שטיקער לאַווע — פון זייַן פייַער־שפּריצנדיקן וווּלקאַן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

צו אַלץ וואָס האָט אַ שייַכות צו דער היים און צו פאַמי־ליע־ענינים איז רייזעלע געוואָרן אָפּגעלאָזן, אַפּאַטיש, פויל און פלעגמאַטיש. די שעהען האָבן זיך פאַר איר געצויגן און געשלעפּט זיך ווי וועגענער, איבערגעלאָדענע מיט שווערער

משאַ — באַרג־אַרויף.

און אַז ס׳איז געקומען די שעה פון איר באַזוך ביַי אים — ווי מ׳וואָלט איר אין איין רגע אַריַינגעשפּריצט אַ לעבן־וויטאַמין — איז זי געוואָרן פלינק און רירעוודיק און זינ־גענדיק האָט זי זיך אָנגעטאָן — זיך אויסגעפּוצט אין שענסטן און געלאָפן צו אים...

ס׳האָט גענומען רופן די אויפמערקזאַמקייט — אירע צו אָפטע גענג צו זיַין קאָנסולטאַריע. מענטשן האָבן אָנגעהויבן רעדן רכילות, פריִער פאַרשטעלטערהייט און באַלד איז מען אַרויס מיט אָפענע דיבורים. רייזעלע האָט זיך דערשראָקן און זייער ערנסט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים:

— לעאָ, וואָס טוט מען? איך קען נישט אַזוי אָ פאַראַטן מיַין מאַן.

— און זיך אַליין קאָנסטו יאָ פאַרראַטן?

— לעאָ, פאַר וואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט?!

— שפּעט יאָ, אָבער נישט צו שפּעט! מ׳קען נאָך פאַר־ריכטן דעם טעות פון דיַין לעבן.

— ווי אַזוי?

— רייזעלע, לאָמיר האָבן אַ קינד, אונדזער ביידנס אַ קינד! אַך, וואָלט דאָס געווען אַ גערעטעניש! אין אונדז ביידן געראָטן — אַ וווּנדערקינד!... מיט אַלע בעסטע מעלות!...

— לעאָ, וואָס רעדסטו? — האָט זיך רייזעלע פאַרצאַפּלט — אַזעלכע רייד? און דו זאָגסט עס אַרויס אַזוי לייַכט, מיט אַזאַ גרינג געמיט?...

— וואָס׳? דו האָסט צוויי קינדער — וועסטו האָבן דריַי...

— אָבער לעאָ, די זענען דאָך פון מיַין מאַן! און...

— איך וועל זיי נאָכער אַדאָפּטירן, אָפיציעל. אַלע דריַי

וועלן זײַן אונדזערע... רייזעלע, דו שטעלסט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ פּרעכטיק קינד עס וואָלט געבוירן געוואָרן בײַ אונדז? פֿון אַזאַ פּערפֿעקטע פֿאָר ווי מיר זענען, פֿון אַזאַ פֿלאַמיקער ליבשאַפֿט?!

— לעאָ, זײַ מיר מוחל, דו ביסט געלערנטער פֿון מיר, דו — ביסט דער דאָקטער, אָבער איצט רעדסטו נישט־דערפֿאַרן...

— פֿאַר וואָס נישט, רייזעלע? מאַך עס נישט קאָמפּליצירטער — בײַ ייִדן איז פֿאַראַן אַ גט, דו דאַרפֿסט זיך שיידן, און מיר ביידע וועלן חתונה האָבן. די אָפֿיציעלע טייל וועלן מיר דערליידיקן בײַ אַ גוטן אַדוואָקאַט — מײַנס אַ חבר — איך זוך נישט, ווי אַנדערע פּראָפֿעסיאָנאַלן, אַ רײַכע כּלה מיט אַ גרויסן נדן, איך פֿאַרדין שוין גענוג אויסצוהאַלטן דיך מיט „אונדזערע" קינדער — מיר וועלן זיך קענען דערלויבן צו פֿירן אַ גרויסאַרטיק לעבן!

— לעאָ, זאָל איך אים אַזוי אָ אָפּצאָלן פֿאַר זײַן גאַנצער גוטסקייט? פֿאַר זײַנע אויפֿריכטיקע, ערלעכע געפֿילן צו מיר? זאָל איך צעברעכן בערלס האַרץ, זײַן לעבן?!

— נו, ווילסטו בעסער צעברעכן ד ײַ ן ל ע ב ן?! רייזעלע, קוק מיר אין מײַנע אויגן אַרײַן און זאָג מיר דעם אמת: וועסטו נאָך ווײַטער קאָנען לעבן אָן מיר?!...

— אָ ניין, ניין! — איז רייזעלע אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זײַן האַלדז און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעך־ספּאַזמאַטישן געוויין, זי האָט קוים אַרויסגעאָטעמט:

— לעאָ! מײַן איינציקער! מײַן טײַערסטער! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?!!

— — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ טאָג איז די מאַמע אירע אַרײַנגעלאָפן מיט פאַר־בראָכענע הענט:

— רייזעלע, זאָג מיר, איז עס אמת, וואָס מ'רעדט אין שטאָט ?!

— אמת.

— נו ?! — וואָס וועט זײַן ?

— נו ! זאָג דו ! מאַמע מײַנע !

— אוי ! אַ בראָך איז מיר ! — האָט די אַלטע ביילע זיך גענומען רײַסן די האָר פון קאָפּ — אַראָפּגעקומען אַן אויס־וווּרף ! אַ שאַרלאַטאַן מיט אַ דיפּלאָם, און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין אַ גליקלעכער משפּחה !...

— מאַמע, זאָג נישט קיין ליגן ! מיר זענען קיין מאָל קיין גליקלעכע משפּחה נישט געווען ! און אויפן דאָקטער לעאָ רעד נישט קיין שלעכטס — ער וועט ווערן דײַן איידעם !

— אוי, וויי און ווינד איז מיר ! אַזוי ווײַט האַלט עס שוין ?!

— נאָך ווײַטער ווי דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן ! מיר האָבן זיך פאַרליבט פון דעם ערשטן אויגנבליק ! אָט דאָס הייסט אמתע ליבע, פון וועלכער יעדע מיידל חלומט ! מיר זענען פּונקט איינס פאַרן אַנדערן...

— רייזעלע, דו ווייסט וואָס דו פּלאַפּלסט ?! גוואַלד גע־שריִען !

— מאַמע ! ס'וועט אײַך גאָרנישט העלפן ! איך קאָן אָן אים נישט לעבן ! אַנישט וועל איך זיך אומברענגען ! דו הערסט ?! איך וועל זיך אַ מעשׂה אָנטאָן ! איך וועל !...

— אוי ! — האָט זיך די מאַמע געהאַקט אין האַרצן — אוי־אוי ! וואָס איך האָב דערלעבט !...

— דו, דו, דו ביסט די שולדיקע ! ווען דו וואָלסט מיך אַזוי נישט געיאָגט איך זאָל חתונה האָבן אַזוי פרי ! דו און

דער טאַטע — וואָלט איך נאָך איצט געווען אַ פרייַע — וואָלט צו דעם נישט געקומען!...

— דו האָסט אַזעלכע טייַערע קינדערלעך, אַ מאַן — אַ דימענט, דו שאַצסט נישט אָפּ דאָס גוטס וואָס דו פאַר־מאָגסט!

— איך שאַץ! איך שאַץ! אָבער מיט אָפּשאַצן אַליין קאָן מען נישט לעבן!

— נעם אַראָפּ אַ מוסטער פון מיר, איך בין אויך אַ מאָל געווען אַ יונגע שיינע פרוי — נישט אַזאַ ברייטע צעבאַ־טשעטע יידענע ווי הייַנט, דאָס קומט פון זיצן אַזוי פיל אויפן שוסטער־בענקעלע. כ'בין געווען אפשר אַ ביסל נידע־ריקער פון דיר, אָבער מייַן פנים — ס'איז נאָך קענטיק איצט

— גלייב מיר, קינד מייַנס, נישט איין מאַן האָט דעמאָלט געמאַכט אַ פאַרזוך מיך צו פאַרטשעפּען... אָבער איך האָב שטענדיק נאָר דייַן טאַטן...

— ביסט אַ חכמה, מאַמע מייַנע! וואָס פאַר אַ שיינער מאַנצביל דער טאַטע איז נאָך הייַנט — שטעל איך זיך פאָר, ווי ער איז געווען אַ מאָל — אַ בחור, אַ———

— שיין צי נישט שיין — ער איז מייַן מאַן, און נאָר צו אים געהער איך! און נאָר אים דאַרף איך ליב האָבן!

— כאַ־כאַ־כאַ! איַי!... — האָט רייזעלע היסטעריש זיך צעלאַכט און פאַרגאַנגען זיך אין אַ קוויטשיק געוויין:

— איז דיר גוט, אַז דו האָסט ליב דייַן מאַן! אָבער איך, איך — האָט זי זיך געקלאַפּט מיטביידע קולאַקעס אין איר ברוסט — איך האָב ליב לעאָנען! איַי־איַי! ווי ליב! ליב! ליב! מאַמע! ליב אַזוי!...

— הער זיך איַין גוט וואָס איך רעד צו דיר, טאָכטער מייַנע! — האָט זיך ביילע געביסן אירע ליפּן ביַי יעדן וואָרט — הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן! נאָר מייַן מאַמע־

האַרץ וואָרנט דיך: דאָס וועט זיך גוט נישט ענדיקן! ער
האָט דיך אַראָפּגעפירט פונעם גלייַכן וועג און — —

— און ער וועט מיט מיר חתונה האָבן! מאַמע: דו וועסט
האָבן אַן איידעם אַ דאָקטער!!

— מוחל! מוחל זייַן גאַנצע דאָקטעריי! ער אין גאַנצן
האָט נישט די ווערט פון דייַן בערלס מינדסטן גליד! נעם
דיר עס גוט אַרייַן אין דייַן פּוסטן מוחל, טאָכטער, ס'איז
נאָר אַ שטרויפלאַם! ווי איז מיר! איך זע נאָר רויך... רויך...
ער האָט דיר מיט זייַנע „מאַנירעלעך" פּאַרטשאַדעט דייַן
קליין קעפּל! ער וועט דיך נישט נעמען! אומגליקלעך
מאַכן — יאָ, פאַר וואָס נישט? אַז סע קומט צו דער האַנט
אַזאַ גוטע געלעגנהייט... וואָסער מאַנצביל וואָלט זיך דען
אָפּגעזאָגט?...

— הער אויף, מאַמע, — האָט רייזעלע זיך געוואָרפן ווי
אין קאָנווולסיע — דו צעשמעטערסט מיך אָן רחמנות!

— גלייב מיר, מייַן קינד, — האָט די מאַמע זי אַרומגע־
נומען און געדריקט צו זיך, געפּרוּווט אייַננעמען אירע צע־
שטורעמטע, זיך צאַפּלענדיקע אֵברים און אירע טרערן זע־
נען געפלאָסן איבער רייזעלעס צעשויבערטן קאָפּ, — קינד
מייַנס, יעדער וואָרט וואָס איך רעד אַרויס צו דיר בויערט
אַדורך מייַן לייַב, ווי אַ שפּיציקע אָל, — דו ביסט דאָך
אונדזער בת־יחידה! קוים וואָס מיר האָבן דיך אויפגעכאָ־
וועט... טאָכטערל, דו, ווייסט דאָך, מיר האָבן בלויז דיך,
פון די פיר קינדער וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט
— פאַר קיין מאַמע נישט געדאַכט! דו ביסט דאָך אַ מאַמע,
ווייסטו דאָך וואָס עס הייסט! אויסטראָגן און געבוירן
אַ קינד, נאָך דערצו אַ מאָל, אָן די הייַנטיקע הילפמיטלען,
ביסטו אונדז איינע געבליבן, אויף לאַנגע, לאַנגע גליקלעכע
יאָרן! רבונו־של־עולם! און דו, טעכטערל מייַנס — האָט

די מאַמע מיט נאַסע פאַרטרערטע פינגער געצערטלט און געגלעט רייזעלעס פּנים און האַלדז — דו ביסט אַצינד ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קליין שעפּעלע — געדענק, איך האָב אים אַנומלט גוט אָנגעקוקט און זייער געניט באַטראַכט, בעת ער איז אַריַין אויף אַ ווײַלע אין סאַלאָן פון אונדזער קהילה צו דער פּראָקלאַמירונג פון ישׂראל־קאַמפּיין — דער אַ ד״ר פּײַערמאַן געהערט צו די זייער שיינע, דערפּאָלגרײַכע מענער, עס איז אפשר אינטערעסאַנט מיט אים צו פאַרברענגען, אַזוי זיך אַ פלירטעווע טאָן, אָבער — נישט מער! לאָז זיך נישט אַרײַנשלעפּן און פאַרזינקען אין אַ זומפּ...

— וואָס זאָל איך טאָן? מאַמעלע?! — האָט רייזעלע געשפּאַרט איר קאָפּ אין דער מאַמעס שויס אַרײַן און אַלע צען פינגער פון אירע ביידע הענט האָבן זיך געבראָכן און געקנאַקט און געצויגן זיך פון דער נעץ אין וועלכער זי איז געוואָרן פאַרכאַפּט — אוי, מאַמעניו, מאַ־מעלע! אַז איך האָב אים אַזוי שטאַרק ליב! ליב! אַיעדע סעקונדע פון מײַן לעבן.

*

אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן רודערן — „גיין אויף אַלע רעדלעך״...

עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים: די יינגערע, די מער פאָרגעשריטענע לײַט האָבן געטענהט:

„ליבע איז דער יסוד פון לעבן! אַז אָט די ביידע יונגע מענטשן האָבן זיך, סוף־סוף, געפונען און זיי האַרמאָניזירן אַזוי גוט איינער מיט דעם אַנדערן — געהערן זיי ביידע אין איינעם צו זייער הײַנט און זייער צוקונפט און בערל מוז — באין־ברירה — געבן רייזעלען אַ גט״.

די עלטערע בני־עיר האָבן געצאָרנט:

„וואָס איז עס, הפקר אַ וועלט?! וואָס זענען זיי, חלילה, אַרטיסטלעך, וואָס האַלטן זיך אין איין בײַטן מיט די מענער און די ווײַבער?! אָט האָט מען חתונה און אָט צעגייט מען זיך: הײַנט מיט מיר, מאָרגן מיט דיר, טפוי זאָל עס ווערן! בײַ ייִדן זאָל אַזוינס געשען?! בערל איז אַ גוטער, אַ ליבער, אַ צוגעלאָזענער צו יעדן איינעם! אַ מיושבדיקער בעל־הבית אין שטאָט שוין פון כּמה יאָרן! אַ מאַן פון אַ ווײַב, אַ טאַטע פון קינדערלעך... און ער קומט אַלעמען אַנטקעגן, באַשטײַערט זיך מיט אַ ברייטער האַנט פאַר אַלע אונדזערע הצטרכותן... וואָס הייסט עפּעס? באשר יענער איז אַ ביסל העכער? ס׳גייט אויף דער מאָס? צי מחמת ער טראָגט אַ זייער שיינעם ווײַסן פאַרטעך צו זײַן פאַך? זאָל ער עוֹקר זײַן פון דאַנען און האָדיע! זאָל ער נאָר אַוועק — וועט ווידער ווערן אַלץ ווי געווען...״

*

דער זומער איז אָנגעלאָפן מיט אַ היציקער פּוריע... הייסע צפון־ווינטן האָבן געבלאָזן דורך די לאַנגע זומערטעג. אויף די נישט־ברוקירטע גאַסן האָבן זיך געיאָגט, געווייט און זיך געדרייט וויכערלעך און שטויבזײַלן — די זון האָט געסמאַליעט און געבראָטן אַיעדן איינעם, ווער ס׳האָט זיך נאָר באַוויזן אין די בײַטאָגן אויף דער גאַס, ווער ס׳האָט געמוזט אין די שעהען אַרויסגיין פון שטוב איז געוואָרן באַגאָסן מיט אַ רײַיקן שוויס. אין די הײַזער איז אויך געווען הייס — פון די אָנגעברענטע דעכער און ווענט האָט געגליט מיט היץ — —

אָבער נאָר בײַ בערלען אין שטוב, מיט די אַראָפּגעלאָזטע בראָקאַט־פאָרהאַנגען, האָט מען דאָס נישט געפילט. דאָס גערטנדל פון פאָרנט און דער הינטערשטער גאָרטן מיט די

פלערליי פלאַנצן אַרום, דער וואַסער־באַסיין מיטן שפּריצנ־דיקן פאָנטאַן — האָבן פאַרוואַנדלט זייער שטוב אין אַ ווילע, אַזוי ווי די זומער־ווילעס אין די רײַכע געגנטן אויסער דער שטאָט, ווו מ׳פילט נישט די היץ. ווער עס פלעגט צו זיי אַרײַנקומען אין דעם רחבותדיקן אויפנעמזאַל, זיך טאָן אַ זעץ אַרײַן אין אַ ווייכן סאַמעט־פאָטעל קעגן איבער די זיך דרייענדיקע צוויי ווענטילאַטאָרס, וועלכע האָבן גע־ווייעט און געבלאָזן נאָכאַנאַנד — פלעגט זיך מחיה זײַן!

— אוי! ס׳איז דאָך בײַ אײַך אַ פאַרגעניגן! אַזוי פריש און קיל! אַ גן־עדן!

אָבער אין די געמיטער פון די באַלעבאַטים איז געווען אַ גיהנום...

בערל האָט אַרומגעבלאָנקעט אין זײַן אייגן הויז ווי אַ פרעמדער — מיט לויזע, אַראָפּהענגענדיקע טאָרבעלעך אונ־טער זײַנע מידע, פאַררויטלטע אויגן. זייער אָפט נישט דער־הערט וואָס מ׳רעדט צו אים... אַז ס׳האָבן זיך געיאָוועט גוטע פרײַנד, וועלכע זענען געקומען מיט אַן אָנצוהערעניש, כּדי צו וואָרענען אים באַצײַטנס, פלעגט ער זיי אָפּפּטרן מיט אַ „גייט, גייט געזונטערהייט"... נישט געוואָלט אַפילו הערן זייער אָנטײַט. אָדער, אַז מ׳האָט אים שוין גאָר אַרויסגע־בראַכט פון די כּלים, דערציילנדיק אים, מיט רמזים, אַז מ׳האָט געזען ווי רייזעלע גייט עפּעס צו אָפט צו דעם דאָק־טער — האָבן זיך געטאָן אַ זעץ אַרויס זײַנע אַרויסגעבאַלטע אויגן, מיט בלוט־אָדערלעך פאַרצויגן, און ער האָט האַסטיק אַ שיפּע געטאָן — אַז אַ שפּײַעכץ האָט אַ שפּריץ געטאָן פון זײַנע ליפּן:

— אָבער, אָבער ר׳ ייִד, ווער פרעגט בײַ אײַך?! ווער בעט אײַך?! גיט אַכטונג אויף אײַערע אייגענע עסקים!...

און אַבי רייזעלע האָט זיך נאָר באַוויזן אין שטוב — איז

ער אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, ווי ס׳וואָלט זיך דאָ געפונען, חלילה־וחס — אַ חולה מסוכן... זיך געהיט, און יעדן איינעם אַרום אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זי נישט אָנגרײַפן, נישט באַליידיקן, נישט געבן אָנצוהערן, נישט ווי טאָן איר מיט אַ וואָרט — גאָט באַהיט! אבי זי איז געקומען צוריק — וועט ווידער ווערן גוט! מ׳דאַרף נאָר צו איר אַרויסווײַזן אַ ביסעלע מער ליבשאַפט און געדולד! דער עיקר: געדולד. זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג, „זי וועט עס אַריבערוואַקסן — מײַן רייזעלע״.

רייזעלעס טאַטע האָט זיך אין אַ פאַרנאַכט געגעבן אַ ריס אַרײַן אַ צעבונטעוועטער און זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מיט אַ צעקאָכטן צאָרן:

— זאָג אים, דעם גלאַוונעם צײַנרײַסער! — האָט נחמן דער שוסטער געהאַקט די ווערטער ווי שפּיציקע טשוועקעס אין די האַרטע שיכזוילן אַרײַן — זאָג אים! — האָט ער געהאַמערט איבער רייזעלעס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — אַז מיר וועלן אים די שנוראָוואַדלעס אַרויסרײַסן פון זײַנע געדער־רים! זײַנע טריפהנע קישקעס! זאָג אים אַז מיר, דו ווייסט שוין ווער — וועלן אים אַלע אַזוי אָ צערעכט מאַכן! — און ער האָט אַ דריי געטאָן מיט זײַנע הענט — אַזוי ווי מ׳פּליקט אַראָפּ אַן אָבצאַס פון אַ שוך — וועט ער אויף ווײַטער שוין וויסן ווי אַזוי צו צעברעכן אַ פאַרטיקע פאַמיליע! און דו, ווילדע ציג, — האָט ער נעם געטאָן אירס אַ הויפּן האָר און עס געטרייסלט ווי אַ בינטל דראַטוועס אין דער לופטן, — דו! דו — ביסט אַ! אַ!...

נחמן האָט זיך געטאָן אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער זײַן מויל, געקוועטשט און געדריקט די פינגער צו די ציטערנ־דיקע ליפּן, זיי זאָלן נישט אַרויסרעדן דאָס שרעקלעכע, אויסגעלאַסענע וואָרט:

— דו ביסט אַ... אַ... און דו ביסט נאָך נאַיִוו און נאַריש פאַר אַ צולאָג! דו גלייבסט אים אַלץ וואָס ער זאָגט דיר צו! איך, איך בין אַ מבין אויף אים! אַזאַ פוסטע כאָלעווע!!
— אָהאָ! ער האָט יענע פאָר קוקערלעך, שאַרפע ווי נאָד־לען! כיטרע, שפּיציקע, ווי די טשוועקעלעך, וואָס גליטשן זיך אַריַין אין דער פאָדעשווע!... און דיר וואָלט איך אָנגעג־לערנט אָט אַזוי אָ!!! — האָט זיך נחמן ראַזמאַכעוועט מיט זייַנע ביידע פאַרהאַרטעוועטע הענט קעגן זייַן טאָכטער. — באשר, דו, דו האָסט אַ באַזונדערן מזל! באשר דייַן בערל איז אַזוי פאַרכליאָפּעט אין דיר, אַז ער לאָזט נישט פאַלן אויף דיר קיין שטויבעלע... זאָל ער צו מיר זיך קומען לער־נען, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך נוהג זייַן מיט אַ וויַיב! וואָס? איך וועל גאַנצע טעג „סיקן” בייַם קאַפּול און זי? זי וועט „אַרומ־כאָלעווען”? ניין, נישט בייַם שוסטער! נאָר דייַנער האָט דיך אַזוי צעבאַלעוועט — אַזאַ לעמעשקע!... דו! דו ביסט אַ, אַ!...
— טאַטע! — האָט זיך רייזעלע אַ ריס געטאָן פון זייַנע הענט — טאַטע, שוויַיג! שוויַיג בעסער! דו! דו און די מאַמע! ביידע זענט איר שולדיק אין מייַן אומגליק!...

— — — — — — — — — — — — — —

אָבער נחמן, מיט דעם צד פון די געזעצטע בעלי־בתים פון שטעטל האָבן אָנגעהויבן צו „דערגיין די יאָרן” דעם דאָק־טער לעאָ פייַערמאַן. זיי האָבן געהעצט און אָנגערייצט קעגן אים אַלע אייַנוווינערס פון שטעטל. זיי האָבן געזאַמלט אונטערשריפטן, בכן, אַז ער איז נישט קיין מאָראַלישער מענטש און אַז מיט זייַן אויפפירונג גיט ער אַ שלעכטן ביַי־שפּיל פאַר אַלע יונגע־לייַט... אַלץ מער און מער בעלי־בתים האָבן נישט דערלאָזן זיך קורירן ביַי אים די ציין זייערע

וויַבער און אַוודאי נישט זייערע טעכטער, און זיַין פול־געפּאַקטער וואַרטזאַל איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שיטערער — אַלץ ווייניקער פּאַציענטן זענען געקומען צו אים — ביז, אין אַ טאָג, האָט מען געטראָפן די ערשט־קלאַסיקע לוק־סוס־קאָנסולטאָריע פון ד"ר לעאָ פּיַיערמאַן — געשלאָסן...

*

רייזעלע האָט באַקומען פון אים פיבערנדיקע בריוו. זי האָט אים געענטפערט מיט נאָך אַ העכערער טעמפּעראַטור. בערל האָט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק און נישט־וויסנדיק, — „אַבי רייזעלע איז דאָ! מוז מען האָבן איַינזעעניש צו איר, צו איר צושטאַנד. די ציַיט איז די בעסטע רפואה פאַר אַט דעם חולאת!..."

רייזעלע איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילע, אַ פאַרבענקטע, דער גאַנצער אָנהאַלט און אינהאַלט פון איר לעבן זענען איצט געוואָרן זיַינע בריוו.

אַז טילינקע און לילינקע, ביידע טעכטערלעך, פלעגן זיך אַרויפכאַפּן אויף אירע הענט און ועלן, אַזוי ווי פריִער, אַ מאָל, אַ שטיף טאָן מיט דער מאַמעלע, פלעגן זיי, מיט זייער קינדערישן אינסטינקט באַלד דערפילן דעם אומעט וואָס שפּאַרט אַרויס פון אירע אויגן, די כמאַרע, וואָס ליגט אויף איר ליכטיק פּנים — די גרימאַסן פון טיפע ליידן — פלעגן זיי איר אַ גלעט טאָן: „מאַמי — מאַמי ווי קעפּעלע ז'" און שטילינקערהייט זיך אַראָפּגליטשן אויפן דיל...

— — — — — — — — — — — — — —

עס זענען שוין אַריבער אַ פּאָר יאָר. ד"ר לעאָ האָט פריִער רייזעלען פאַרגעלייגט, אַז ער וועט איר שיקן אויף אַלע הוצאות, זי זאָל שוין קומען צו אים. זי איז דער איינצי־

קער ציל אין זײַן לעבן! אָבער רייזעלע האָט פּאָרט נישט געקענט ביַי זיך פּועלן און זיך באַשליסן אויף אַזאַ געוואַגטן שריט, אַזוי צו פאַרשעמען, אין די אויגן פון דעם גאַנצן שטעטל, דעם איבערגעגעבענעם געדולדיקן בערל.

— אַך! — פלעגט זי שלינגען אירע אייגענע טרערן — ווי אַזוי וואָלט מען עס געקענט איַינאָרדענען, אַז איך מיט לעאָ זאָלן אין איינעם זײַן גליקלעך און דערביַי נישט מאַכן אומגליקלעך אים, בערלען? פאַר וואָס קומט עס אים אַזאַ ביטערע שטראָף, בעת ער האָט קיין מאָל נישט גע־זינדיקט?... אַזאַ נאָבעלער, גוטער מענטש ווי ער איז! נישט נאָר צו די אייגענע, נאָר אַפילו צו יעדן פרעמדן, ווער עס ווענדט זיך נאָר צו אים, איז ער גרייט צו טאָן אַ טובה און אונטערקומען מיט אַלץ וואָס נייטיק איז. וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן אויסגאַנג קאָן מען געפינען אין אונ־דזער קאָמפּליצירטער סיטואַציע? אָבער לעאָ איז דאָך פאָרט דער אינהאַלט און דער ציל פון מײַן לעבן!

„ערשט איצטער דערמאָן איך זיך — טראַכט רייזעלע — ווי אומעטיק מיר איז געווען אין דעם טאָג פון אונדזער חתונה. עפּעס אַזאַ שטייניק־שווערער טרויער האָט דעמאָלט געפרעסט אויף מײַן נשמה. און ווען טאַטע־מאַמע און די גאָר נאָענטסטע גוטע פריַינד האָבן עס באַמערקט און מיך געפרעגט: וואָס געשעט מיט מיר? האָב איך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, אָבער געפילט האָב איך, מיט עפּעס אַזאַ טיפן פאָרגעפיל, אַ פאַרהוילענע אַנונג, אַ וואָרענונג, אַז — אַז איך טו נישט גוט, וואָס איך לאָז זיך שוין פאַרדרייען מײַן קאָפּ... אַז פאָרויס, ערגעץ ווו, אין מײַן צוקונפט — וואַרט אויף מיר מײַן ריכטיקער באַשערטער... מײַן גורל! מײַן גליק! איך דאַרף נאָר קענען אַרויסכּישופן מײַן אמתן זיווג! אַרויסרופן דעם סוד פון אומבאַוווסטן.. און אָט האָט

עס זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר איצט ערשט — די לייזונג פון יענער רעטעניש... ווי זשע מאַכט מען אַצינד אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס ציגעלע גאַנץ?...

*

רייזעלע פלעגט אָפּשטיין שעהען לאַנג ביים אָפענעם פענצ־טער פון זייער עסזאַל און אַרויסקוקן צום גאָרטן. אירע בליקן האָבן זיך געוויקלט אַרום דעם הויכן, שלאַנקן און פעסטן עקאַליפּטוס־בוים, וואָס אַרום זיין שטאַם האָט זיך אַרומגעדרייט אַ בליענדיקער קלעטערפלאַנץ.

„אָ! — האָט זיך רייזעלע נישט געקענט זאַט אָנקוקן — מיט וויפל צאַרטקייט און ליבשאַפט די בלעטער און די בלומען פון דעם וייכן פלאַנץ קלאַמערן זיך אַרום דעם שטאַרקן שטאַלטנעם ריזנבוים! זיי אָרעמען אים אַרום מיט אַזוי פיל הענט און פינגער און זיי ציען זיך אַרויף־אַרויף — שטייגנדיק אַלץ העכער, בליענדיקער... אויך איך — אויך איך וויל זיך אַזוי פאַרביק צעפלאַטערן, פאַרוויקלען אַרום מיין אויסדערוויילטן בוים!...”

ס'איז געווען אַ נאָכמיטיק. בערל האָט שוין געהאַט אָפּ־געגעסן, זיך געפילט אין אַ גוטער שטימונג, געזאָגט אַ חכמה־לע, פון וועלכער אַלע אַרום טיש האָבן געשמאַק געלאַכט, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דער שווערער וואָלקן, וואָס איז געהאַנגען אין דער שטובלופט, איז זיך שוין צעגאַנגען; בערל האָט אַ שטיף געטאָן מיט די קינדערלעך, אָפּגעטרונ־קען די שוואַרצע קאַווע, זיך געגרייט צו גיין אין געשעפט און אַ צעשמייכלטער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו רייזע־לען, אַ רוף טוענדיק זי מיט האַרציקער ליבשאַפט: רייזע... — און דעם „לע” נישט פאַרענדיקט, — פּלוצעם, פון דער

העלער הויט, זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך איבערגעקערט מיטן בענקל אויפן דיל... און אויף זײַנע ליפּן האָט אַרויס־געזעצט אַ ווײַסער שוים — —

אויף רייזעלעס הילפסרופן, געשרייען און יללות זענען זיך אָנגעלאָפן די נאָענטע שכנים און דער היימישער דאָק־טער, זייער שכן, איז אַרײַנגעלאָפן מיט פאַרשידענע אַפּאַ־ראַטן, געפּרוווט אים אַרײַנאָטעמען לופט פון מויל צו מויל, אים אָפּצומינטערן, אָפּראַטעווען; ער האָט אָנגעווענדט אַלע מעדיצינישע הילפמיטלען, אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך גע־ווען — ער האָט געאַרבעט מיט אַלע זײַנע כּוחות ענערגיש און פלינק — און באַלד אַ פאַרײַאושטער אַראָפּגעלאָזן זײַנע הענט און מיט אַ צעברעקלט קול מודיע געווען דער פאַר־צווייפלטער רייזעלען:

— ליידער, ליידער — נישטאָ מער וואָס צו טאָן!... דאָס האַרץ...

נחמן און ביילע זענען געוואָרן צעפּערטלט פון זייער גרויסן אומגליק. ווי זיי וואָלטן אין איינעם מיט זייער טײַערן איידעם, פון דאָס נײַ, ווידער פאַרלוירן זייערע ער־שטע פיר געבוירענע קינדערלעך. ווי אַ פאַרהאַרטעוועט שטיק פּאָדעשווע פלעגט נחמן אָפּזיצן שעהען לאַנג בײַ זײַן שוס־טערטישעלע — ווי אַ פאַרגליווערטער, נישט אַ ריר טאָן מיט אַ גליד, נישט וועלן אויפנעמען קיין שום קונה — אַפילו נישט געענטפערט אויף יענעמס „גאָט־העלף!" ווי אַלצ־דינג אַרום אים וואָלט אָפּגעשטאָרבן... און אַז ביילע האָט אַ נעם געטאָן דאָס קוישל, כּלומרשט, אַז זי גייט עפּעס אײַנקויפן אין קראָם צום עסן — האָט ער אויפגעהויבן אויף איר זײַנע רויטע, מיט בלוט פאַרפעדעמטע אויגן און מיטן ווײַזפינגער פון דער רעכטער האַנט איר אַ וואָרן געטאָן:

— דו הערסט ?! דו זאָלסט נישט סמייען אַריבערצוטרעטן איר שוועל! זי! זי! זי איז שולדיק!!! זי האָט אונטער־געזעגן זײַן לעבן! צוליב איר אויפפירונג האָט געפּלאַצט זײַן האַרץ!...

ביילע איז געבליבן שטיין. איר מויל האָט זיך געעפנט, געוואָלט אים ענטפערן, זאָגן עפּעס אַ תּירוץ, נאָר איר מויל איז געבליבן אָפן, ווי דער שפּיץ פון אַן אַלטן שוך, אַדורכ־געווייקטן אין אַ גאַס רעגן וואָס צעעפנט זיך מיט אַ מאָל, און דאָס וואַסער קלעקטשעט אַרײַן און אַרויס, אַזוי האָבן געקלעקטשעט אירע אָפּגעריסענע פאַרשטיקטע קלאַנגען ביז — ס'האָט געטאָן אַ פּליוכע אַרויס פון אירע אויגן אַ יאָמער־געוויין...

— נו, גיי שוין, גיי! — האָט זיך פון ווייטיק זײַן מויל אויסגעקרימט אויף אַ זײַט...

*

איין מאָל האָט זיך נחמן געגעבן אַ ריס אַרײַן צו דער טאָכטער מיט צוויי צונויפגעבײַלטע פויסטן, ווי צוויי האַ־מערס, גרייט אַראָפּצולאָזן אויף איר קאָפּ, נאָר דערזעענדיק רייזעלען זיצן אויף אַ ברעג בענקל אַ צונויפגעקאָרטשעטע ווי אַ קנויל וואָס העשעט קוים, האָט ער גענומען זעצן מיט די קולאַקעס זיך אַליין אין זײַן האַלב־הוילן קאָפּ:

— פוסטער שוסטערקאָפּ! וווּ ביסטו געווען פריִער? כ'על דיך צעהאַקן אויף שטיקער!

און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ געבויגענער אין פירן... און זײַנע געוועזענע פולע שטײַפע ברוינלעכע באַקן, זענען געוואָרן נאָך מער אײַנגעשרומפּן און פאַרגעלט ווי פאַר־סמאָלעוועט מיט קלעפּיקן שוסטערוואַקס.

די מאַמע פלעגט זיך אַרײַנשלײַכן אַלע מאָל, פאַרגנבע־

טערהייט, אַז נחמן זאָל זיך נישט דערוויסן און אויס־שפּרייטן אירע ביידע אָרעמס און מורמלען שטיל ווי אַ געבעט:

— רייזעלע! — נאָר זעענדיק ווי רייזעלע זיצט אַ פאַר־שטומטע, אָדער זי ליגט אַ פאַרקנוילטע אין איר אבלות, זי זעט נישט און הערט נישט וואָס סע טוט זיך אַרום איר — פלעג זי בלײַבן שטיין ווי אַ שאָטן בײַ דער וואַנט און תפילה טאָן אין זיך — גאָט, זײַ מוחל מײַן קינד! האָב רחמנות אויף איר! רחמים! רחמים!...

ערשט איצט האָט רייזעלע דערפילט איר גרויסן פאַרלוסט — אַלץ וואָס בערל איז געווען פאַר איר.

— בערעלע! געטרײַער מאַן מײַנער! — האָט זי אין די פינצטערע נעכט אַרײַנגעיאָמערט און נאַס געמאַכט די קישנס. זאָל מיך גאָט שטראָפן אויב איך האָב דאָס גע־וואָלט! הלוואַי וואָלט איך אויף דײַן אָרט אַוועק! וואָס וועל איך איצט טאָן אייניקע אַליין אויף דער וועלט?! זיך אַליין אַן עצה געבן מיט די קינדערלעך, מיט דער שטוב, מיטן געשעפט? הלוואַי וואָלט עס געווען פאַרקערט! וואָלט איך אַוועק — וואָלט אַלץ געבליבן ווי געווען! אין קראָם דער פעיִקער, פלײַסיקער, דינאַמישער סוחר. אין דער היים: דער געטרײַער טאַטע און דער גוטער בעל־הבית. און איך — צו וואָס טויג איך אָן דיר? — מײַן בערעלע! באַווײַז זיך ווידער! זאָג מיר, אַז דאָס האָסטו מיך נאָר געוואָלט אָנשרעקן. מיך וואָרענען באַצײַטנס!... — און די פוסטקייט אַרום איר איז געוואָרן ווי אַ פּיסק פון אַ ווילדער חיה, וואָס לויערט און וויל זי פאַרצוקן...

אַז עס זענען אַריבער עטלעכע מאָנאַטן, זעענדיק אַז ס'קומט נישט אָן קיין שום טרייסטוואָרט פון לעאָנען — מסתּמא האָט ער נישט געזען די צײַטונג מיט די נעקראָ־

לאָגן, מסתּמא ווייס ער נאָך נישט — האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און כּוח און אים מיטגעטיילט אין האַרץ־רייסנ־דיקע שורות איר גרויסן אומגליק און מיט דערשיטערונג געוואַרט אויף זיין ענטפער — דערבײַ האָט זי פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט זיין נאַכלעסיקייט, הלמאי עס געדויערט אַזוי לאַנג. „ער ווייסט נאָך נישט? נישט דערהאַלטן איר בריוו, ס'איז פאַרלאָרן געגאַן, און ער לייענט דאָך נישט כּמעט קיין יידישע צייטונג, פון וואַנען זאָל ער וויסן?...״

ענדלעך, נאָך עטלעכע וואָכן, איז אָנגעקומען אַ קילער, באַזאַכטער ענטפער אויף איר פּיינפולן בריוו: ער עצהט איר, זי זאָל זיך נישט אָפּלאָזן! באשר זי איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש און בכלל איז דאָס לעבן אַזאַ קליינע מציאה, וואָס ס'איז איבער דעם נישט כּדאי גאָר צו טרויערן...

רייזעלע האָט צו אים ווידער געשריבן, אויסגיסנדיק פאַר אים די יסורים, צאַפּלענישן פון איר האַרץ, וועלכע פּייניקן זי איצט אַזוי שרעקלעך שטאַרק... די שפּיזיקע געפילן פון חרטה, וועלכע בויערן איר אַדורך נאָכאַנאַנד, וואָס אַ מאָל אַלץ טיפער און שרפענדיקער; טאָמער, טאָמער, האָט זי מיט איר פאַלשער אויפפירונג אים פאַרשאַפט אַזאַ גיפטיק עגמת־נפש, וואָס ער האָט עס אַלץ געשלונגען אין זיך, שטילערהייט, טאָג נאָך טאָג, אים פאַרסמט, און דאָס האָט גורם געווען דעם ביטערן סוף? ער איז דאָך קיין מאָל נישט געגאַנגען זיך לאָזן אונטערזוכן ביי אַ דאָקטער, זיין געזונט האָט ער צום ווינציקסטן אין זינען געהאַט — נאָר פאַרן ווייב און די קינדערלעך זיך כּסדר געזאָרגט. טאָמער, טאָ־מער איז זי טאַקע די שולדיקע אין זיין פּלוצלינגדיקן טויט?...

און רייזעלע האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון ד״ר לעאָ פײַערמאַן. זי האָט געהאָפט אַז ער, וועלכער איז דאָך אויך מיטשולדיק, פּאַקטיש דער הויפּט־שולדיקער (ער האָט דאָך אָנגעהויבן און איר דערפירט צו דעם צושטאַנד), טראָגט ער דאָך אַחריות נאָך מער פון איר. און ער איז דאָך פיל עלטער, געלערנטער און פּראַקטישער — פון שטענדיק אָן אַ גרויס־שטאָטישער — וועט ער אַוודאי וויסן ווי אַזוי צו לינדערן אירע ליידן אין די ביטערסטע מאָמענטן פון איר לעבן, ער וועט איר דערהאַלטן, זי זאָל זיך נישט געבן מיט אַ מאָל אַ ברעך איבער ווי אַ דין, יונג ביימעלע אין אַ בייזן שטור־רעמווינטיקן וויכער...

רייזעלע האָט געוואַרט און געוואַרט און זיך אַליין גע־פּרוווט דערמוטיקן אַז, לכל־הפּחות, האָט זי דאָך אין איר גרויסן אומגליק אויף ווער זיך אָנצושפּאַרן — אַזאַ נאָענטן — וואָס קאָן שוין זײַן נאָך נענטער, ווי עס איז איר פײַער־דיק פאַרליבטער לעאָ?!... ער! ער וועט באַווײַזן אַ וווּנדער, ער וועט איר נאָך אָפּראַטעווען פון אונטערגאַנג!...

רייזעלע האָט געוואַרט... טעג און נעכט, וואָכן און חד־שים. איר תּמיד ליכטיק, לויטערער פּנים, איז געוואָרן פינצטער, אירע פולע באַקן — אײַנגעפאַלן, אונטער די אויגן טונקל־אויפגעלאָפענע רעדער — פון די לאַנג אויסגעצויגענע שלאָפלאָזע נעכט...

— און אפשר איז מײַן בריוו פאַרלוירן געגאַן? ס׳קען דאָך געשען?... איז פון וואַנען זאָל ער וויסן?...

און רייזעלע האָט זיך באַלד געזעצט און אָנגעשריבן נאָך אַ בריוו. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען קיין ענטפער, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: אפשר האָט ער געביטן זײַן אַדרעס? אָבער ווען מ׳טרעפט אים נישט, וואָלטן דאָך אירע בריוו אָנגעקומען צוריק צו איר?

און זי האָט ווידער געשריבן, נאָך און נאָך און געוואַרט און געוואַרט און געוואַרט...

„און אפשר איז לעאָ חלילה קראַנק געוואָרן? — האָט רייזעלע געטאָן אַ שטאָך אין האַרצן — יאָ, ער וואַרט אַוודאי אויף מיר און איך — איך — — —" ביז — איין מאָל האָט רייזעלע צענעמענדיק אַ פעקל עסנוואַרג־פּראָדוקטן, וואָס זי האָט געהאַט נאָר וואָס איינגעקויפט אין קראָם, פונאַנדערוויקלענדיק די ניילאָן־זעקעלעך פון דער שטיק צייטונג, האָט זי פּלוצעם דערזען אַ זייער הויך־ און ברייט־ פאַרנעמיקע באַגריסונג צו דער חתונה פון ד"ר לעאָ פיי־ ערמאַן מיט פריילין מירטאַ קליין, אַ טאָכטער פון די באַוווסטע מעבל־פאַבריקאַנטן — גרויסע גבירים...

רייזעלע האָט זיך אַ פאַטש געטאָן אין פּנים מיט איר גאַנצער פאַרבליבענער קראַפט, און ס'האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. די שורות פון דער רייכער באַגריסונג, פון דער גרויסאַרטיקער חתונה, האָבן זיך צעווירבלט אין זיג־זאַג־בליציקע זעגן איבער איר לייב — זי האָט זיך געטאָן אַ שאָקל און אַ קנאַק אַראָפּ אויפן דיל...

— מיין גאָט! יעזוס מאַריאַ! פאַטראָנסיטאַ קערידאַ, מיין טייערע בעל־הביתטיטשקע! — איז די עלטערע דינסט אָנגעלאָפן מיט אַ גלאָז וואַסער און מיט אַ אייזטוך גענו־ מען איר רייבן דעם שטערן, דאָס פּנים, צו דערראַטעווען זי — וואָס זאָל איך טאָן? וועמען זאָל איך רופן?! — האָט זיך צעיאָמערט דאָס יונגע דינסטמיידל און געפּרוווט אויפ־ הייבן רייזעלען — —

רייזעלע איז געלעגן אויפן טעפּעך, זיך געוואָרפן ווי אין קאָנווולסיע, און אַרויסגעלאָזט אָפּגעהאַקטע, אימהדיקע קולות...

— ניין! ניין! מער נישט! נישט! אַליין! נישט לעבן!

— ניין! אַליין — ניין! ניין! גענוג געלעבט!...

טילענקע און לילענקע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, געגלעט און געקושט אירע הענט, איר האַלדז, איר פּנים און געכליפּעט:

— מאַ־מי! טײַערינקע! שײנינקע! מאַ־מי־טאַ! מיר האָבן דיך אַזוי ליב! אַזוי אָ! שטײ אויף! הײב זיך אויף!

— און זײ האָבן געפּרוּווט איר אויפהײבן, איר געצוּיגן פאַר די הענט, פאַרן קאָפּ, מיט אַלע זײערע כּוחות מיט זײערע קלײנינקע הענטעלעך — מאַמי! מאַ! און זײערע טרערע־לעך האָבן געקאַפּעט אויף איר אָפּגעצערטן לײַב, ווי טריפנ־דיקע טראָפּנס פון ברענענדיקע ליכט....

נאָך אַ לאַנגן וואַרפן זיך מיט אַלע אירע אֵברים אין אַלע זײַטן, איז רײזעלע געבליבן ליגן אַ באַגאָסענע מיט אַ קאַלטן שווײס — אַ פאַרשטילטע, מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי איז געלעגן ווי אַן אויסגעריסענער בוים אויף דער ערד, נאָך אַ ציקלאָן־שטורעם, מיט די וואָרצלען אויף אַרויף — איבער־געקערט — נעבן אַ טיפן גרוב... זי האָט געשפּירט ווי אירע צעשפּאָלטענע איבערלעבונגען שײלן זיך אָפּ און פאַלן פון איר אַראָפּ אַזוי ווי איבערגעפוילטע קאָרע פון דעם אָפּגע־האַקטן שטאַם. אירע לעצטע זאַפטן רינען אַרויס פון אַלע אירע גלידער, ווי די לעצטע טראָפּנס זאַפט פון די צעבראָכענע צווײַגן — —

...פון יענער־זײַט ווינקט אַרויף צו איר פון דער טיפעניש די אַזוי שטאַרק געגאַרטע אײביקע רו... זי ווערט אויסגע־טריקנטער, גרינגער — די לעצטע פלעמעלעך־פונקען לעשן זיך, זי ווערט דערלײזט פון אַלע ערדישע יסורים — אָט אָ באַלד... באַלד... וועט זי זיך טאָן דעם לעצטן קײַקל אַראָפּ — אַן אויפגעלײזטע...

מיט אַ מאָל האָט זי דערפילט אַרום זיך אַ פּאָר ברייט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, ווי רייפן!

— בערל! ווי אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט? ווי אַזוי האָט ער איז אַרויסגעהויבן פונעם טיפן תּהום?

איר בערל האָט זיך האַסטיק געטאָן אַ שטעל אַוועק פאַר איר, ביַי דעם סאַמע סופיקן ראַנד, ווי אַ מויערדיקע שוץ־וואַנט — און מיט זיַין שטיל, בנעימותדיק קול — איר געמינטערט נאָכאַנאַנד:

— ניין! ניין! דו — נישט! דו — זיַי אַ מאַמע צו אונדזערע קינדערלעך! אָ — שטאַרק זיך! הייב זיך אויף, רייזעלע! מיַין רייזעלע!

— לעב! אין זכות פון מיַין אמתער, הייליקער, אויף תּמיד פאַרוואָרצלטער ליבשאַפט! ———

אַ נר-תמיד

יהודה מאַטעצקי ז״ל

מאַמע מרים, אַ בית־תּפילה איז דײַן הויז.

אַ גאַנצן טאָג דאַווענען דײַנע ליפּן אַרויס: „יהודהלע, מײַן זון! מײַן אײן און אײנציק קינד! וויפל אײניקלעך וואָלט איך שוין געהאַט אַצינד, ווען דו וואָלסט נישט געפאַלן אויפן ערשטן פײַערפראָנט?! — גאָט! — פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי אַכזריותדיק אַנטראָנט?! אַראָפּגעשלײַדערט מיך פון די העכסטע טראָנען צוויי: פון זײַן אַ מאַמע און אַ באָבע ווערן, וויי־וויי! — אֵל־מלא־רחמים:

נייג צו מיר דײַן געהער: ענטפער! בין איך שוין נישט קיין מאַמע מער! און אַ באָבע וועל איך שוין קיין מאָל נישט זײַן?!...

אין חלל פון דײַן דירה דו תּפילהסט אַרײַן: „אַברהם האָט זײַן בן־יחיד צו דער עקדה געפירט. נאָר איך האָב דעם פאָרגעפיל פון אומגליק דערשפּירט, און מיט אַלע מײַנע מאַמע־מיטלען מאַנעווּרירט. איך האָב זיך געבעטן, זיך געצאַפּלט, פּראָטעסטירט:

„יהודה, מײַן זון, שרײַב־אונטער דאָס פּאַפּיר, אַז דו ביסט אונדזער בן־יחיד, ווײ איז מיר! וועסטו אויף דער ערשטער פײַער־ליניע נישט מוזן גיין... נאָר יהודה האָט זיך אָקעגנגעשטעלט:

— ניין! און ניין! טאַטע, מאַמע, ווייסט איר וואָס איר פאָדערט פון מיר? איז דאָס פאַר מײַן כּבוד — איך זאָל ווערן אַ דעזערטיר?! אַוודאי טוט מיר ווי וואָס איך בין אַ בן־יחיד, און איך מוז אײַך איצט פאַרלאָזן — אָבער אַנ־דערש קען איך נישט; עס שטורעמען אונדזערע גרענעצן אַלע שׂונאים באַנאַנד. זיי דראָען אונדז צו פאַרניכטן, אַרײַנ־וואַרפן אין ים! — חס־וחלילה! איר דאַרפט דאָך פאַר־שטיין, אַז נישט די אַלטע לײַט קענען אין מלחמה גיין; מוזן מיר, די יונגע, מיט בטחון אין אונדזער טראָט, פאַר־טיידיקן אונדזער לאַנד! ס'איז דאָס היילקסטע געבאָט!...

— אָ, מאַמעלע, דו ווייִנסט גאָר? שעם זיך! ס'נישט שיין! ס'וועט זיך ענדיקן מיט אונדזער נצחון! און דו, דו אַליין, וועסט נאָך דעם דערציילן דײַנע אייניקלעך, אַז דײַן זון איז אַ גרויסער גיבור געווען, און דו דאַרפסט זײַן אַ גיבורה! אַ מאַמע־סימבאָל. ווי אַלע ייִדישע מאַמעס אין ארץ־ישׂראל!...

*

יהודה, הויך געשטאַלטיקטער, מיט פלייצעס פעסט און ברייט. דײַן איידל פּנים האָט שטענדיק אַ שמייכל באַגלייט, פון דײַן יעדן שמועס און געלעכטער אַלע מאָל, פלעגט זיך הויך צעקלינגען דײַן פרייִלעכער קול. אַ שותּף צו דײַנע על־טערן ביסטו געוואָרן יונגערהייט; צו העלפן זיי אין דער אַרבעט ביסטו געווען תּמיד גרייט. אַלע דײַנע חברים ביסטו געווען אַזוי איבערגעגעבן געטרײַ, און אַפילו אויפן פראָנט...

יהודה, ביסט געווען פון די ערשטע מתנדבים אין פלמ"ח. בײַ די גרעסטע סכּנות, טאָג און נאַכט אויף דער וואַך. גע־שריבן האָסטו צו טאַטע־מאַמע אַהיים קיין תּל־אביב:

„הכל בסדר!“, לאַנגע דערמוטיקנדיקע בריוו, זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן: „קיין עסן פעלט נישט אויס, דער גייַסט — איז נישט געבראָכן! און מיר מאַרשירן פאָרויס!“...
אַפילו גרוסן צו די שכנים און באַקאַנטע געשיקט. — — —

✶

מאַמע מרים, ווען דו לייענסט פאָר זייַנע בריוו, געשיקטע פון דער אַרמיי, וואָס פון יעדן וואָרט טריפט געטרייַשאַפט צו אונדזער היימלאַנד, העלדמוט און הומאָר, דערהערסטו ווידער זייַן קול, פון יעדן זילב און וואָרט אַזוי קלאָר.
און ווען דו מישסט אויף זייַן בלאַט אין דעם יזכור־בוך פון די געפאַלענע גיבורים — דייַן חוט־השדרה נאָדלט דורך, וואָס מ'האָט אַלץ פאַראייביקט פון דייַן זון. דעם העלד, פון מלחמת השיחרור — אויפן שלאַכטפעלד...
אין יזכור־בוך, אויבן אָן, שייַנט זייַן בילד, מיט די פולע רונדע באַקן. אויגן — קלוג און מילד, פון די מוסקולירטע גלידער אַ גבורה שפּראָצט אַרויס — פאַר אַ צויבער־צוקונפט־צוויט פון יוגנטברויז... בייַם סוף איז פאַרשריבן פון יהודהס לעצטן מעת־לעת, ווי ער האָט געזאָגט צו דעם דאָקטער:
— איך בין נאָך שטאַרק, דו זעסט! מייַן חבר דאָרטן איז שוואַכער, אַ סך שוואַכער פון מיר — לויף פריִער העלפן אים, זייַן וווּנד, גיכער, באַנדאַזשיר!...“

✶

די מדינה פייַערט שוין דעם איין און דרייַסיקסטן יום־העצמאות, נאָר אין דיר, מאַמע־מרים, פייַערט בריִענדיקער

צער. פאַר דײַנע אויסגעוויינטע אויגן שווינדלען שאָטנס שוואַרץ, עס קלאַפּט קוים דײַן דופּק און עס דריקט דיר ביים האַרץ. פאַרצערנדיקע צענער־יאָרן, טאָג־אויס און טאָג־איין, אויף דײַן פּנים ווי אויף פּאַרמעט קריצן זיך אַרײַן, קאַרבן זיך אין קנייטשן פאַר דער צייט אויף דײַן הויט — דײַן לײַב און לעבן לעשט — דײַן זונעלעס טויט — — — —

✶

שאַ! שכנים! שטילער! פאָרזיכטיק ווי איר שפּרײַזט! צי ווייסט איר, אויף אייגנערד, פון יעדן טראָט דעם פּרײַז?! פרעגט בײַ מאַמע־מרים און בײַ דעם טאַטן דוב, וואָס פון באַגינען אָן אַרבעט ער אָן אַ סוף. דעם זודיקן ווייטיק און זײַן מי ער פאַרפרירט. ער גרינט אויס דעם גאָרטן, דעם צאָם צעמענטירט, עס זאָלן קיין הפקר־כּלבים נישט אַרײַן אַהין, פאַרמיסטיקן די בלומען, די פלאַנצן און גרעזעלעך גרין...

פון זינט זייער בראָד, דעם בלוטיקן שניט — זענען אַלץ שלאַבעריקער געוואָרן זײַנע טריט. דאָך רוט ער נישט: מיט דער אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, פון זײַן מוח די מחשבות פון ייִאוש ער יאָגט — און ער זוכט אַלץ מיט וואָס די צײַט צו פאַרטאָן.

פאַר נאַכט. שטייען ביידע שטיל אויפן באַלקאָן, און זיי קוקן און דרייען די קעפּ. אָט אַהער, אָט אַהין, צו יעדער זײַט פון גאַס: ווער גייט דאָרט? ווער? זיי קוקן אַרויס ווײַט־ווײַט, מיט פאַרנעפּלטן בליק, ווי זיי וואָלטן געוואַרט: — יהודה זאָל אַהיים קומען צוריק... און ווי נאָר עמעצער קומט אַרײַן צו זיי אין שטוב, הייבן אָן טאַטע־מאַמע צו דערציילן פון זייער געראָטענעם זון, פון אַלע זײַנע גוטע

מעלות און מעשׂים טובים אָן אַ שיעור. ווי אַיעדן טאָן אַ טובה האָט ער זיך אינטערעסירט, מיט התמדה פלעגט ער לייענען ביכער, מיט גרויס טאַלאַנט אויך בילדער געמאָלט, צו אַלץ פעיִק און פלײַסיק, און נאָך שטודירן אין אוניווער־סיטעט האָט ער געוואָלט, און אַזאַ גוטהאַרציקן כאַראַקטער געהאַט! געווען אַ „מזג־טוב" אַ גאָלד!...

און עס זשאַרען זיך פונאַנדער טאַטע־מאַמעס לויברייד. די שבחים צינדן אָן אין זייערע אויגן פונקען פון געוועזע־נער פרייד, העלן אויף זייערע געמיטער, אַז ס'דאַכט זיך זיי אויס באַלד: „באַלד וועט זיך דאָ באַווײַזן ווידער יהודהלעס געשטאַלט..."

✶

צעשמעטערטע שלינגען זיי, אָט די צעפײַניקטע פּאָר, זייער גרויליקן גורל, דעם שׂכר — פּאַר אונדזער מדינה־וואָר...

— ווי אַ מקום־קדוש איז זייער ציכטיקער אַפּאַרטאַ־מענט, וווּ יהודלהס פאָטאָגראַפיעס, אין פאַרשידענע פּאָזעס, הענגען אויף די ווענט. זײַן ליכטיק געזיכט — אין אבלות אײַנגעראַמט. זײַנע לוסטיקע אויגן שמייכלען און טרייסטן זיי נאָכאַנאַנד:

— מײַנע טײַערער טאַטע־מאַמע, איר זעט דאָך מיך כּסדר — אָט; און איך וועל אייביק לעבן אין אונדזער ישׂראל־יסוד!...

אינהאַלט

גוט איז

גוט איז... 9
רייס 10
קטוף 11
טאָג און נאַכט 12
יוגנטשאַפט 13
לקט 14
געליבטע 15
כ'וואָלט וועלן 16
פון ים דער שניטער 17
אַלטער בוים 18
בלומען 19
געוואָלט כ'האָב אַ בלום זיין 20
רציתי להיות כמו פרח 21
דאָס געבעט פון קלעטערפלאַנץ 22
אַ פייערבוים 25
דער זומער פאַרגאַנגען 29
צו נאַכט... 30

איכה

איכה 33
פון יענער זייט 36
אונדזער היים־בוים 37
אונדזער בלי 38
אויף מיין ירושה־וועג 39
בענקשאַפט 41
אַ מינוט שווייגן 42
מאַמע 44
אמא 46
עלנט 48
בית יהודי פולין 50
אין מיין שיבעה 51
אלמנה־טריט 52
טאַטע־מאַמע 54
אין אַ שוואַרצער ראַם 55
במסגרת שחורה 56

מײַן היים

ישראל מיין היים 59
ברוכה־הבאה 61

אַ שבת אין ישראל 62
חלום־זמירה 63
יום־כיפור 65
הערצל 66
דער ישראל־ייד 69
זיי מיין שבת 70
גוט־שבת, ירושלים! 71
גוט־יום־טוב 72
קעניגין פון לידערלאַנד 73
אַ פרוי־געזאַנג 76
שטויבן די שטיחים 77
„אַלטע זאַכע!" 80
יום העצמאות 84
יום העצמאות (עברית) 86

באַן פון מייַנע טעג

באַן פון מיינע טעג 91
באַלאַדע וועגן ווינט און עפּלבוים 93
בינד מיך ניט... 97
אַ האַנט 99
פּאַעט 100
יונג און אַלט 101
שמיד מיך 102
בוים און איך... 103
ווינטל־פינטל 104
מאַמע 107
הענט 109
אַ פרוי 110
אשה 112
האַף 113
האמן כי יש תוחלת 114
כ'ווייס נישט מחמת וואָס... 115
לא אדע מדוע 116
רויזן... 117
ס'איז אויך דאָ אַ זונענלאַנד 119
המוציא־ליד 121
מיין בילד 123
תמונתי 124
מיין שכרביים לעבן 125

✶

רייזעלע (דערציילונג) 126
אַ נר־תמיד 185

אַ האַרציקן דאַנק אַלע פריינד,
וועלכע האָבן זיך באַשטייערט פאַר דעם בוך:

דוד שולמאַן, בוענאָס־איירעס
ישראל מאַרמורעק, בוענאָס־איירעס
די משפחה אין אָנדענק פון פּראָפע־סאָר לאַזאַראָ שאַלמאַן ז״ל, בוע־נאָס־איירעס
ישראל בעטינגער, קאַנסאַס־סיטי
בעסיע זאַגלין, קאַנסאַס־סיטי
נתן און וויטע גאָלדבערג, קאַנסאַס־סיטי
בערנאַרד און ריטאַ טענענבאַום, קאַנ־סאַס־סיטי
פרידאַ וויינער, היוסטאָן
דוד ווייס — אין אָנדענק פון זיין פרוי מרים ז״ל, קאַראַקאַס
דב מאַטעצקי — אין אָנדענק פון זיין פרוי מרים און זון יהודה ז״ל, תל־אביב
נתנאל און פניה סורוף, תל־אביב
רעגינאַ, בנימין און יעקב בורוצקי, תל־אביב
לייב רובינליכט, תל־אביב
לייזער ענגעלשטערן, תל־אביב
יעקב ראַפּאַלאָוויטש, תל־אביב
ראובן און רבקה מיינטשעמער, בת־ים
ראובן קאָרנבליט, תל־אביב
ישראל ערליך, תל־אביב

ביכער פון זעלבן מחבר:

אין יידיש:

„קינדערלעך״, בוענאָס־איירעס 1948
„זינגענדיק״, בוענאָס־איירעס 1951
„פאַרביקע כוואַליעס״, בוענאָס־איירעס 1954
„גוט־יום־טוב״, בוענאָס־איירעס 1957
„דער צעדערבוים״, בוענאָס־איירעס 1961
„כלניות״, בוענאָס־איירעס 1964
„צו דיר״, בוענאָס־איירעס 1966
„[illegible]״ ״ ״ 1969

אין עברית:

„טַלי וסבתָא״, יזרעאל, תל־אביב 1970
„גן של שלום״, יזרעאל, תל־אביב 1973
„עץ הפלא״, יזרעאל, תל־אביב 1975
„פלא־איש״, יזרעאל, תל־אביב 1978